STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11031

MENDELE MOYKHER SFORIM

Moshe Gross-Zimerman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדעלע מוכר ספרים

פינף נפטרים

שלום עליכם, י. ל. פרץ,
מענדעלי מוכר ספרים,
ש. ש. פרוג, י. דינעזאָן

דריטער באַנד:

מענדעלע מוכר ספרים

פון

משה גראס



פאַרלאַג „דער קוואל"
ווין — וואַרשע — לעמבערג

מענדעלע מוכר ספרים

פראַגמענטען וועגען זיין ליטעראַרישער פערזענליכקייט

פון

מ ש ה ג ר א ס

פאַרלאַג „ד ע ר ק ו וואַ ל"
ווין — וואַרשע — לעמבערג

גאָכדרוקען אָהן
ערלויבעניש
פֿונ'ם פֿאַרלאַג,
איז פֿאַרבאָטען

KOPYRIGHT
BY VERLAG
„DER KWALL"

די בילדער און פֿאַרצירונגען זענען פֿון
א ו ר י א ל ב י ר נ ב ו י ם

דרוק „אוניאָן", בוכדרוקעריי און פֿערלאַגס-געזעלשאַפֿט מ. ב. ה. ווין, XI.

נאָך לאַנגע דורות פֿון פּרימיטיווען ליטעראַרישען בדחנות אין
פּאָעזיע און פּראָזאַ, פֿון קליינליכער אומפּרוכטבאַרער בעל
הבית׳ישער שבט מוסר־ראָמאַניסטיק און איבערגעשפּיצטע
שטעכווערטעל־פּאַמפֿלעטען, נאָך אַ דור פֿון טרוקענעם בית
המדרש־ראַציאָנאַליזם פֿון איין זייט און צעלאָזוענסטער שמ״ר־
ישער פֿאַנטאַסטיק פֿון דער אַנדערער זייט איז אויפֿגעשטאַנען
ש ל ו ם י ע ק ב א ב ר א מ א ו ו י ט ש (מענדעלע מוכר ספרים),
דער ערשטער פֿרוכטבאַרער, אינדיווידועלער שריפֿטשטעלער אין
יודישער שפּראַך.

שלום יעקב אבראמאוויטש איז געבוירען געוואָרען אין דעם
קליינעם ליטווישען שטעטעל קאפּול (מינסקער גוב.) אין
יאָהר 1836.

אין אַ אויטאָביאָגראַפֿישער נאָטיץ זאָגט אבראמאוויטש: „עס
שיינט, דאָס ווי איך בין געבוירען געוואָרען, בין איך בעשטימט
געווען צו ערפֿילען די ראָלע פֿון אַ שריפֿטשטעלער ביי מיין
פֿאָלק, ביי מיין אָרים פֿאָלק, און אום איך זאָל טאַקי בעקאַנט
ווערען מיט דעם פֿאָלק אינגאַנצען, שוין גלייך פֿון אָנהויב, האָט
גאָט געזאָגט: גע׳ה, מיין פֿויגעלע, פֿליה איבער דער וועלט און
זיי דער אומגליקליכסטער פֿון די אומגליקליכע, דער ייד
צווישען די יודען!“

און באמת: אבראַמאָוויטש האָט נישט נור דערפֿילט די ראָלע
פֿון סתם אַ שריפֿטשטעלער ביי זיין פֿאָלק, נאָר איז געווען זיין
ערשטער און פֿיהרענדער שריפֿטשטעלער דער ערשטער
א י י ר אָ פּ ע א י ש ע ר שריפֿטשטעלער ביי יודען. ער האָט באַלד

אין זיך דערפֿיהלט דעם קינסטלערישען מוט און דעם כח, זיך אינערליך צו בעפֿרייען פֿון דער ליטעראַרישער טראַדיציע פֿון זיינע קדמונים און איינצואָרדנען זיינע יצירות אין דער גרויסער געמיינשאַפֿט פֿון דער אייראָפּעאישער וועלט-ליטעראַטור. אָבער די וואונדערליכע איינאַונאַייציגקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט מענדעלע'ס שטעלונג אין דער יודישער ליטעראַטור, נעמט זיך נישט נאָר דערפֿון אַליין, וואָס ער איז געווען דער ע ר ש ט ע ר און דער פֿיהרער פֿון דער נייער, אויפֿבליהענדיגער ליטעראַרישער עפּאָכע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט 10 — 20 יאָהר נאָך זיין ערשטען ארויסטריט, נאָר געוויס אויך דערפֿון, וואָס ער איז אין דער-זעלבער צייט געווען אויך דער ל ע צ ט ע ר פֿון א ליטעראַרישען דור, וואָס זיין ציעל איז געווען אין בעסטען פֿאַל די הויכע, געטליכע בילדונג, די „טאָכטער פֿונ'ם הימעל", און פֿיעל אַנדערע פֿאַלען אָבער דאָס ביליגע, גייסטלאָזע „אַמוזירען" פֿונ'ם פּובליקום מיט זיבליכען שונד.

אין אָט דער גלייכצייטיגקייט פֿון צוויי דורכאויס פֿערשידענע וועלטען, וועלכע וואָלטען ביי א נאָרמאַלער ענטוויקלונג געקענט זיין אָבגעשיידט פֿון אַנאַנד נאָך א גאַנצען יאָהרהונדערט, ליגט דער סוד פֿון מענדעלע'ס שאַפֿערישער אייגענאַרט, דער סוד פֿון זיין וואונדערליכען, אומדערגרייכטען סטיל, פֿון זיין גראַנדיאָזען ווערק. אויך אינ'ם ריין ליטעראַרישען זין האָבען געלעבט אין איהם צוויי מענדעלעך בכפיפה אחת. איינער פֿון די ערשטע טענדענציעזע ווערק: „האבות והבנים", „דאָס קליינע מענשעלע אָדער די לעבענסבעשרייבונג פֿון אברהם יצחק תקיף", „די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט-בעלי טובות", און דער אַנדערער פֿון זיינע קינסטלעריש ווערטפֿולע ווערק, וואָס זענען ארויס בערך אין דערזעלבער צייט: „שלמה ר' חיים'ס", „פישקע דער קרומער"

און „דאָס ווינשפינגערל". דאָ בעווייזט זיך שוין פאר אונז ניט מעהר אבראמאוויטש, דער ראציאנאליסטישער קריטיקער און קהל־רעפארמאטאר לויט'ן רעצעפט פון די פריהערדיגע משכילישע שריפטשטעלער, נאר צום ערשטען מאל מענדעלע מוכר ספרים, דער סובטילער נאטורמאלער, דער זשעניאלער בעאבאכטער, דער אריגינעלער קינסטלער מיט זיין אייגענעם הומאר און סטיל.

אזוי איז מענדעלע מוכר ספרים געווארען דער באשעפער פונ'ם יודישען סטיל. פאר איהם איז קיין יודישער סטיל לחלוטין נישט געווען, פונקט אזוי ווי ס'איז נישט געווען אויך קיין יודישע קונסט. די מחברים פון יענער צייט, משכילים, וואס האבען גענאשט פון דער געטליכער בילדונג, האבען זיך קודם כל פערהאלטען געגאטיוו, מאנכע גאר פיינדליך צו דעם פשוט'ן, אזוי־צוזאגען אומגעבילדעטען לעבען פונ'ם פאלק, און ממילא אויך צו זיין שפראך, צו יענעם „זשארגאן, וואס קיין פאלק רעדט אויף איהם נישט און פערשטעהט איהם נישט", און צווייטענס איז זייער כלומר'שט ליטערארישע בעציהונג צום יודישען לעבען בכלל געווען א ריין אויסערליכע. זיי האבען געזעהן חסרונות ביי יודען, וואס זיי רעדען נישט קיין דייטשיש און טראגען שמוציגע קאפטאנעס און האבען ווידער געזעהן מעלות ביי אנדערע, וואס זיי געניסען פון דער ליכטיגער בילדונג און געהן אנגעטון ווי מענשען... דאס איז געווען אלץ, וואס זיי האבען געזעהן און אויף וועלכען די האבען זיך אבגעשטעלט. צו דעם אבער האט מען באמת נישט געדארפט גאר קיין סטיל.

מענדעלע איז געווען דער ערשטער, וואס האט געזעהן מעהר און טיעפער. זיין זשעניאלע אינטואיציע האט פאר איהם מעגליך געמאכט א נאהענטע, אינערליכע בעציהונג צו די

אביעקטען פֿון זיין קונסט, צו דער יודישער רעאַליטעט, ער איז נישט געבליבען שטעהן ביים אויסערליכען פּרצוף פֿון זיינע העלדען, ביי די פֿאַרטיגע פֿאָרמען פֿונ׳ם יודישען לעבען, נאר האט ווי א געטרייער ליבעפֿולער נאַטור־פֿאָרשער אבסערווירט און אויפֿגענומען אין זיך יעדע פֿאַרבאָרגענסטע תנועה, יעדען שטילסטען שאָרך פֿון זיינע פֿאָרשונגס־אביעקטען, און דורך דער דאזיגער טיעפֿער — מען קען זאגען: רעליגיעזער — איבערגעבענקייט צו דעם קינסטלערישען חומר, צו זיין סביבה, האט ער זי אזוי גרינדליך געוואונען פֿאַר זיין קונסט, און האט דאמיט אויך אהערגעשטעלט די הארמאָניע צווישען דער סטרוקטור פֿון דער דאזיגער געשילדערטער רעאַליטעט און די וואונדערליכע אסאָציאַציעס פֿון זיין סטיל.

אט די רעאַליטעט אבער האָט מענדעלע׳ן געמאכט פֿאַר דעם ערשטען און בעדייטענדסטען סאטירישען קינסטלער ביי יודען. האט ער אין דער ערשטער תקופה פֿון זיין שאַפֿען רעאגירט אויף דער יודישער ווירקליכקייט מיט רחמנות אויף די דערשלאָגענע־געמוטשעטע, פֿאַרהושך׳טע, און מיט דעם שאַרפֿען בייסיגען מוסר פֿאַר די "ספּאַדיק׳ס" און "קליינע מענשעלעך" — אין ביידע פֿאַלען אלזא מיט אומקינסטלערישע מיטלען — אזוי זענען די מאָטיווען פֿון זיין שפּעטערדיגען שאַפֿען אויסשליסליך קינסטלעריש־סאטירישע. ער האט דערפֿיהלט, אז ס׳איז נישט מעהר געניג, זיך אבצורעכענען מיט דעם פֿאַרעפּיש׳טען, מאָדנע נאַרישען און דאביי בכבודיגען פּאַראַזיטען־לעבען אויף דעם פֿריהעריגען אופֿן, ד. ה. צו ברענגען ראיות, אז דאס דאזיגע לעבען טויג נישט, אז עס איז פֿאַרדומפּען, פֿויל, אומעסטעטיש־מיאוס, ווי די יודישע רינשטאָקעס. וואס ציהען זיך דורך איהם ווי א לעבעדיגער סימבאָל. ער האט מיט אמאָל קלאָר געזעהן,

אז דורך א ק א ז ו א י ס ט י ש ע ר מלחמה וועט דאס דאזיגע לעבען קיינמאל נישט בעזיעגט, נישט אנדערש ווערען. און טאקי פון אט דעם ביטערן יאוש איז אין איהם געבוירען געוואָרען דער מוט צו דער זשעניאלער סאטירע, וועלכע צייכענט אויס זיין גאנץ שפעטערדיג שאפען און בעזונדערס זיין מייסטערווערק „מסעות בנימין השלישי“.

אמת, אויך אין דער סאטירע איז דער לעצטער ע פ ע ק ט סוף כל סוף א דידאקטישער, ד. ה. אויך זי ווירקט אין א גאנץ בעשטימטען זין, אין אַ קלאר אָנגעצייכענטער ריכטונג. אָבער די דאָזיגע קינסטלערישע ווירקונג, וואס געהט אויס פונ'ם פ א ר ט י ג ע ן קונסטווערק, איז נאטירליך נישט צו פערגלייכען מיט א לכתחילה'דיגער טענדעניץ, וואָס לאָזט דאָס קונסטווערק בכלל נישט ענשטעהן, וואָס לאָזט עס קיינמאָל נישט ארויסוואַקסען פון זיין אייגענער שטאָפליכקייט. איןביידע תקופות פון זיין שאַפען האָט זיך מענדעלע אָנגעשטויסען אין ד ע מ ז ע ל ב ע ן פוסטען, פערגליווערטען לעבען, וועלכעס האָט אַזוי שטאַרק געררייצט זיין כח היצירה, שטענדיג זענען די אָ ב י ע ק ט ע ן פון זיין קונסט געבליבען ד י ז ע ל ב ע, אָבער די ס ו ב י ע ק ט י ו ו ע שטעלונג פונ'ם באַשעפער איז שפעטער געוואָרען אַנ'אַנדערע א גאַנ'ץ־קינסטלערישע. ער האָט אין זיין פאָרם דערגרייכט אזא אומגעוועהנליכע פלאַסטיק, אַזאַ שטאַרקע אינעווענינסטע רוה און זיכערקייט, אַז זי האָט איהם מיט רעכט געבראַכט דעם נאָמען ק ל אַ ס י ק ע ר.

מענדעלע'ס קינסטלערישער וועג איז שטענדיג געווען אָפען און פריי, ווי דער קאיזער־שטראָז, אויף וועלכען ער האָט אַרומגע־יאַגדרעוועט מיט זיין אידילישען פערד און וועגעלע. ער האָט נישט געבלאָנדזשעט, נישט געמאַכט קיין עקספערימענטען, נישט

געמאַכט מיט זיין קונסט קיין קונצען. ער האָט זיך איבערגעגעבען צו זיין קונסט מיט יענער טיעפער זעלישער הכנעה, וועלכע דערפילט דעם ריינעם אומפּערדאָרבענעם דיכטערישען מענש אין זיין איינזאַמקייט מיט דער נאַטור. ער איז אין אַ גאַנץ בעזונדערן זין פון'ם וואָרט געווען אַ יודישער קינסטלער, אַ קינסטלער מיט די וואונדערליך־שעהנע מעלות פון פּערציייטיגדישע יודען מיט זייער אַריסטאָקראַטישער ענוות, מיט זייער שטילען יחוס, וועלכער ערלויבט זיי, צו שטעהען בעשיידען אין אַ זייט — וסוף הכבוד לבוא! אָט אַזאָלכע איז געווען מענדעלע'ס בעציהונג צו זיין קונסט. און וויל ער איז איהר געווען אַ נכנע, דערפאַר האָט ער זי בעהערשט. וויל ער איז צו דער קונסט נישט געקומען מיט קיין טענות, מיט קיין „גייע דרכים", נאָר האָט זיך געלאָזט פון איהר דערפילען און פיהרען, דאַפאַר איז ער פון אָנהויב אָן געגאַנגען דעם גלייכען וועג און האָט געוואונען די ריכטיגע קינסטלערישע דיסטאַנץ צום לעבען אַרום זיך.

מענדעלע האָט אויף דער העכסטער מדרגה פון זיין קינסטלערישער ענטוויקלונג נישט געפּריווט פּערטיידיגען דאָס יודישע לעבען. ער האָט קיינמאָל נישט געזוכט קיין בילינגע הרוצים, פאַר וואָס עס איז אַזוי דעפעקט, קראַנק, אומעסטעטיש און טאַקי דערפאַר אַזוי נישט עטיש. ער האָט נישט געשריבען קיין אַפּאָלאָגיע פון דעם דאָזיגען לעבען, ווי איינער רעדט: „נאַט, זעהט, מענשען, אַליין, ווער ס'איז שילדיג אין אונזער אומגליק, אין דעם בראָך, וואָס האָט אונז געטראָפען!" ער האָט דאָס נישט געטון, כאָטשי אין זיין צייט איז אַזאַ מין אַפּאָלאָגיע געווען אין דער העכסטער מאָדע און כאָטשי ער וואָלט מיט איהר דעמולט געווים שטאַרק קונה שם געווען.

מענדעלע מוכר ספרים, דער קינסטלער פון ערשטען ראַנג, האָט עבען גוט געפיהלט, אַז דאָס ערשטע איז די קינסטלערישע אויפריכטיגקייט, די געטריישאַפט צו דער געשילדערטער ווירקליכקייט. אָט די מעלה שטעלט איהם אַוועק אין איין רייה מיט די ערשטע קינסטלער אין דער וועלט. וואָרען מען דאַרף נישט פערגעסען, אַז קינסטלערישע אויפריכטיגקייט איז נישט קיין רצון־זאַך, וואָס אבי מען ענטשליסט זיך נאָר, זי צו וועלען, דערגרייכט מען זי שוין. קינסטלערישע אויפריכטיגקייט איז קודם כל אַ פראַגע פון קוואַליטעט, פון יכולת, און אָט פון דער קינסטלערישער אויפריכטיגקייט, פון דער פולער האַרמאָניע צווישען איבערלעבונג און שילדערונג, נעמט זיך דער אייביגקייט־ווערט פון מענדעלע'ס שאַפען, נעמט זיך זיין סאַטירישע גראַנדיאָזיטעט, דער ווייטער האָריזאָנט פון זיין דיכטערישער וועלט־בעטראַכטונג.

זיין קאָנסעקוועגטע און שנעלע שאַפערישע ענטוויקלונג פיהרט איהם וואָס אַמאָל נעהנטער צו דעם אייגענטליכען ציעל פון זיין קונסט, צו דעם אַבסאָלוטען. ער האַלט עס נישט מעהר אוים ביי דער שילדערונג פון דער יודישער סביבה, פון איהרע מענשען און זייערע מעשים, ווי ער האָט דאָס געטהון למשל אין דעם ראָמאַן „פישקע דער קרומער", „ווינשפינגערל", „שם ויפת אין וואַגען", א. אז. וו. זיין אינטואיציע קוקט ווייטער אַרום זיך. זי ווערד נישט מעהר פערלוירען צווישען די אַלערליי יודען, קבצנים, משכילים, בעלי טובות און אַנדערע משולחת'ן פונ'ם יודישען לעבען, נאָר זי געפינט צום ערשטען מאָל איהר קינסטלערישען רוה־פונקט: דעם יוד, מיט אַ ה' הידיעה, ווי ער לעבט און לייבט, זיין גוף, זיין נשמה, זיין כאַראַקטער, זיין מענשליכען ווערט. דערמיט האָט מענדעלע

דערפֿילט דעם געזעץ פֿון קינסטלערישער עקאָנאָמיע. ער האָט פֿון דער אומגעהייערער פֿולקייט פֿון זיין מאַטעריאַל אַרויסגעצויגן דאָס בעדייטענדסטע, דאָס, וואָס ס'קען אַם מיינסטען ווערען כאַראַקטעריסטיש, ער האָט געשאַפען אַנ'עקסטראַקט.

אין „מסעות בנימין השלישי", דער דאָזיגער זשעניאַלער סאַטירע איבער דעם טונעיאַדעווקער אַלעקסאַנדער מוקדון מיט דעם נושא כליו, סענדעריל די יודינע, וועלכע לאָזען זיך ביידע אין דער וועלט אַריין, זוכען די עשרת השבטים און דעם סמבטיון, און קומען פונקט ביז צו דער פֿאַרעפּוש'טער פּיאַטיגנילעווקע, וואו זיי כאַפען קודם כל ביטערע קלעפּ פון איינעם אַ גוי און פֿאַלען דערנאָך אַריין — זייענדיג שוין כמעט אַ תחום שבת פֿון קושטא — אין די הענד פֿון יודישע „כאַפּערס", אין דעם דאָזיגען ערשטען און ערשטראַנגיגען נאַציאָנאַלען עפּאָס ביי יודען האָט מענדעלע געמאַכט דעם ערשטען געלונגענעם פֿאָרשטויס ביז צום טיפּישען, אַלגעמיינעם, איבער־פּערזענליכען. בנימין דער דריטער איז פֿאַר מענדעלע'ן נישט גלאַט איינער אַ יוד, פֿונ'ם עולם חדמיון, אַ משוגע'נער בטלן, וואָס שלעפּט זיך אַרום צווישען יודישע שטעט און שטעטלעך מיט דעם נעבאַכדיגען שלימזל'ניק סענדעריל, לאָזען ביידע איבער זייערע ווייבער לעבעדיגע עגונות, לויפֿען נאָך דעם פּיפּערנאָטער און דעם טערק און געהן דערווייל אַליין אַלס רויטע יודעלעך אין יודישע הייזער. מענדעלע זעהט אין אָט דעם העלד נישט מעהר דאָס אינדי־ווידועל־גראָטעסקע, דעם בעזונדערן איינצעלפֿאַל, נאָר דאָס אַלגעמיין־גילטיגע משל, דאָס וואָס פּאַסט זיך אויף אַלע. אַלע יודען זענען דאָס זעלבע, וואָס בנימין דער דריטער איז. איז זיין וועלט־בעטראַכטונג אין „מסעות בנימין השלישי" האַלט

מענדעלע שוין אַזוי ווייט, אַז נישט נאָר „יעדער יוד איז אַ קבצן, וואָס האַנדעלט מיט שמאַטעס", נאָר אַז יעדער יוד, ד. ה. נאַטירליך יעדער פֿון אַ גאַנץ בעשטימטען טיפּ, איז צוגלייך אויך אַ טראַגיקאָמישע פֿיגור, אַ משונה בריה, וואָס האָט נישט קיין מין מענשליכע צורה, לעבט אויף די מיסטען, מאַכט מאָדנע מינאָריעס, האָט אַ פֿערדרעהטען מח, לויפֿט שטענדיג נאָך הויכע אידעאַלען, פֿערזאָרגט די וועלט מיט „תורות", ברענגט איהר צו יעדער צייט נייע משיחים און אַליין געהט ער זיך בהרחבה אין די הייזער. אין „מסעות בנימין השלישי" ליגט דער עיקר נישט אין דער מעשה, וואָס מענדעלע דערצעהלט, אָדער ווי אַזוי ער דערצעהלט זי אונז, נישט אין דעם, וואָס אָדער ווי אַזוי דער העלד בנימין, אָדער סענדעריל די יודענע, אָדער דער גוי אָדער די יודישע באַפּערס רעדען און טון, נאָר דער שווערפּונקט ליגט אין דעם אידעעלען מרחק צווישען דעם, וואָס די דאָזיגע יודען טון דאָ אָב, און צווישען דעם לעבען אין ריינער נאַטור. דער עיקר איז דעם סאַטיריקער די שפּאַנונג צווישען דעם יודישען און דעם נאַטירליכען מענש. ווי יעדער אמת'ר סאַטירישער קינסטלער פֿיהלט זיך אויך מענדעלע אַלס בעשיצער פֿון דער געשענדעטער נאַטור, פֿאַר וועלכער ער נעמט זיך אָן מיט זיין ווערק.

און ווי מערקווירדיג דאָס זאָל נישט זיין: אפילו פֿון זיינע וואונדערליכע נאַטור־שילדערונגען, פֿון זיין אָריגינעלער, פֿון קיינעם נישט דערגרייכטער פלאַסטישער מאָלעריי פֿון דער לעבעדיגער און טויטער וועלט, פֿיהלט מען בולט אַרויס די סאַטירישע כונה פֿונ'ם קינסטלער. ביי דעם קינסטלער, וואָס שטעהט שטענדיג אונטער סאַטירישער שפּאַנונג, פֿערוואַנדעלט זיך אַליץ, וואָס ער לעבט־איבער, אַליץ, וואָס קומט נאָר אין זיינע שאַפֿערישע ד'אמות, אין סאַטירישע מאָטיוען, אַלזאָ אויך די נאַטור. ער

מוז דאַבײ גאָר נישט דורכפֿירען קײן שום בעזונדערן פּראָצעס. ער מוז זיך נאָר פֿעסט האַלטען אין דעם אינסטרומענט זײנעם, אין זײן ש פּ ר אַ ך, װעלכע װערד, אינ׳ם ענטשײדענדען אױגענבליק אַלײן פֿאָרמאַטיװ. מענדעלע׳ס עסטעטיק איז אַנ׳אָביעקטיװע, אַ ז אַ כ ל י כ ע. איהר קריטעריום איז קודם כל א ו י ס ש ע פּ ע ן אין גאַנצען דאָס ט ע מ אַ, בשעת די אַנדערע עסטעטיק איז מעהר אַ קאָנװענציאָנעלע און איהר קריטעריום בלײבט תמיד נישט מעהר װי דאָס סוביעקטיװ־אנגענעמע און ליסטפֿולע. דערפֿאַר איז מענדעלע ראַדיקאַל נישט נאָר אין דער שילדערונג פֿון זײנע מענשען, נאָר אויך אין דער שילדערונג פֿון זײן נאַטור, אָדער פֿון זײנע מענשען אין דער נאַטור.

װען מענדעלע מאָלט אַ זומערדיגען טאָג אין דער העכסטער נאָכמיטאָג־היץ, דעם בלױעם, קלאָרען הימעל אָהן אַ פּיצעל װאָלקען, די זון, װאָס בראָט, סמאַליעט, די תבואה אויף די פֿעלדער, די בײמער אין די װעלדער, װאָס שטעהן שטיל װי צוגעקאָװעט, קײן שאָקעל אפילו זיך נישט צו טון, די קיה אויף דער פּאַשע, װאָס ליגען מיד, אויסגעשטרעקט די העלזער, שאָקלען צו־װײלע מיט די אויערן, קײען און מעלה גרהן, דעם בוהײ, װאָס פֿאַררײסט דעם עק, לויפֿט גאַלאָפּ; װאַרפֿענדיג דעם קאָפּ אין אַלע זײטען, שטעלט פּלוצים זיך אַנ דער, אָנגעבױגען דעם שטערן צו דער ערד שמעקט, פֿאָכט מיט די נאָזלעכער, לאָזט אַרױס אַ ברומען, סאָפּעט און דריגעט מיט די פֿיס. די פֿערד, װאָס שטעהן נעבען אַנ׳אַלטער אויסגעקרומטער און האַלב פֿערדאַרטער װערבע, איבער־געשפּאָלטען אין דער העלפֿט אַמאָל פֿון אַ דונער, אײנער אויפֿ׳ן אַנדערן פֿאַרלײגט די קעפּ, צו מאַכען כאָטשי עפּעס אַ שאָטען און שמײסען מיט די װײדלען, פּטור צו װער׳ען װי ס׳איז פֿון די בײזע פֿליגען — אַזױ דאַרף מען געדענקען, אַז נאָך דער דאָזיגער

וואונדערליכער מאָלערישער קאָמפּאָזיציע, נאָך דעם דאָזיגען אינטענזיווען, פֿאַרבענפּראַכטיגען בילד קומט מענדעלע׳ן אויס, צו דערזעהן, אַז אין דערזעלבער רגע ליגען צוויי יודען ע״ג״ין וואו צעשטרעקטע, מיט פֿאַרסמאָלצעוועטע טערקישע טליתים קטנים, ליגען פֿויל, גענעצען און שוויצען.

מיט אָט דעם פֿינאַל אַליין ווערד אונז קלאָר, אַז מענדעלע בעדיענט זיך נישט מיט דער נאַטור אַלס פֿאַרפּוצעכץ, אַלס אנ׳אויסערליכע דעקאָראַציע פֿון זיין געשילדערטער וועלט. נאַטור און קונסט זענען ביי איהם האַרמאָניש פֿעראייניגט אין יענער טיעפֿער קינסטלערישער לעבענס־איינהייט, אין וועלכער זיין ווערק איז געוואָרען אַזוי צייטיג, אַזוי פֿאָלקאָם, און פֿון וועלכער ער האָט געשעפּט די קראַפֿט, צו געבען זיינע אינעווייניגסטע איבערלעבונגען די ווייטסטע אַלגעמיינע גילטיגקייט, זיי צו אָביעקטיווירען. מענדעלע׳ס קונסט קען נישט תמיד געמאָסטען ווערע לויט די אָנגענומענע עסטעטישע געזעצען. זיין קונסט האָט איהרע אייגענע געזעצען, איהר אייגענעם ריטם, איהר אייגענעם ווילען. און עס איז אפשר די בעסטע ראיה פֿאַר זיין שטאַרקער קינסטלערשאַפֿט, וואָס ער האָט עבען אַזוי שטרענג מדקדק געווען אויף די אינערסטע אייגען־געזעצען פֿון זיין קונסט. וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געפּריווט מאַכען קאָנצעסיעס פֿאַר דעם „ליעבען לעזער“, פֿאַר דער אזויצוזאָגען ל י ט ע ר אַ ט ו ר.

מענעדעלע מוכר ספרים איז נישט געגאַנגען דעם וועג פֿון פֿרייעם ה ו מ אָ ר. דער הומאָר האָט בטבע די טענדעץ מ ו ח ל צו זיין. ער נעמט אַריין אַלע דיסאָנאַנסען פֿונ׳ם לעבען אין אַ באַרוהיגט, האַרמאָניש, אָבגעקלערט וועלט־בילד. ער האָט ר ח מ נ ו ת מיט זיינע אָביעקטען. דאָס איז ביי מענדעלע׳ן נאָר געווען דער פֿאַל אין דער ערשטער תקופה פֿון זיין שאַפֿען. שפּעטער האָט איבער־

געוואוינען דאָס סאַטירישע עלעמענט אין איהם. דער סאַטיריקער קען נישט מוחל זיין. ער קען זיך נישט בעפרייען פון די שרייענדיגע סתירות אין דער וועלט פון ערשיינונגען, וועלכע לאָזען זיין גייסט נישט קומען צו רוה. ער איז דער שונא און איז זיך נוקם מיט זיין ווערק.

פאַר דעם אויבענאויפיגען בעטראַכטער וועט נאַטירליך מענדעלע'ס סאַטירישע שטייגערונג פונ'ם אינדיווידואום אויפ'ן כלל, אויף דעם נאַציאָנאַל־מאָטיוו, פאָרקומען ווי אַ הגזמה, ווי א פעלשונג פון דער רעאַליטעט. באמת אָבער ענטהאַלט אין זיך די דאָזיגע סאַטירישע מעטאָדע אַ פעראייניפאַכונג פון דעם אויסערליך קאָמ־פליצירטען, אַ פריוו ארויסצושיילען דאָס אַלגעמיינע, טיפישע פון דעם שטאַרק איבערגעלאָדענעם איינצעל־פאַל, פון די צו־פעליגע נעבענזאַכען, פון די נאָר צייטליך אָדער ערטליך בע־שטימטע אומשטענדען. מענדעלע'ס קינסטלעריש־סאַטירישע קריטיק פון אונזער לעבען איז קיינמאָל נישט געווען קיין נע־גאַטיווע, אדרבה, זי ווירקט אין טיעפסטען זין פונ'ם וואָרט, אויף צו דערהאַלטען אונזערע אמת'ע ווערטען, זי האָט אונז נעהנטער געבראַכט צו זיך אַליין, צו דעם ריינעם מקור, וואָס לעבט ערגיץ וואו אין אונז.

*

מענדעלע מוכר ספרים, דער „זיידע" פון דער יודישער ליטעראַטור, איז געשטאָרבען מיט א שיבה טובה אין יאָהר 1917 אין אָדעס. ער האָט איבערגעלאָזט אַ רייכען דור פון ליטעראַרישע אייניקלעך און אור־אייניקלעך, וועלכע האָבען ביי זיין טויט געטרויערט. זיי זענען אָבער נישט געבליבען קיין יתומים. וואָרין דער שטאַרקער, איבערלע־בעדיגער געניוס פון מענדעלע'ס שאַפען ווירקט אָהן אויפהער ווי די אייביג־יונגע, באַנייענדיגע נאַטור.

משה נראָס

דאָס קליינע מענשעלע

קאַפּיטעל 4

די מאַמע מיינע האָט געלעבט אין דחקות און נישט געהאַט פּשוט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. זי פֿלעגט אַרבייטען זאָקען, פֿליקען פֿעדערען, זיך שטעלען אַ מאָל פֿאַר אַ וואַרטערין ביי אַ קינפּעטאָרין, און אונטער, אַ פּסח וועלגערן מצה. זי פֿלעגט טאָג ווי נאַכט געבעך אַרבייטען, טאָן, און פֿון איהר גאַנצער אַרבייט קוים געהאַט וואַסער אויף קאַשע. ווייבערישע מלאכות האָבען אין דער וועלט נישט קיין ווערט און ווערען זעהר ווענ‍יג בעלוינט. וואָרים וואָס זענען דען ווייבער איינגאַנצען? וואָס פֿאַר אַ פּנים, וואס פֿאַר אַ ווערט, האָט מ׳שטיינ׳ס־געזאָגט, די גאַנצע יודענע, אַז זי איז שוין אַפֿילו אַ בריה? פֿון ווייבער, אַזוי איז ביים עולם שוין איינגערעדט, קען קיינמאָל קיין גוטס נישט אַרויסקומען, זיירע אַלע מלאכות האָבען קיין שום ממשות. עפּעס רעכטס אין תוך אַריין, גוט אי ניצליך, איז נישט פֿאַר׳ן ווייבערישען מח... פֿונ׳ם טאַטענס ירושה איז געוואָרען אַ גוטער סך־הכל: צוויי מיידלעך מיט אַ יונגעל זענען געשטאָרבען, מען קען טאַקי זאָגען, פּשוט פֿאַר הונגער, איין גרויסער בחור האָט ערגיין זיך אַוועקגעשלעפּט און איז פֿערפֿאַלען געוואָרען ביז אויף היינטיגען טאָג, מען ווייסט עד־היום נישט, וואו זיין געביין איז היגעקומען. נעבען דער

מאַמען איז געבליבען אַ קראַנק, שלאַף מיידעל, אינגאַנצען אַ צובראָכענער שאַרבען, און איך, שלימ'מזל, וואָס איך בין איהר געזועסען אויפ'ן האַלז. אַנ'אַפּעטיט האָב איך געהאַט אָהן עין־הרע זועהר אַ גוטען, דאָס ביסעל עסען, וואָס איך פּלעג אַלץ פון איהר'ס נעבעך אָװעקנעמען, האָט מיר נישט געקלעקט אויף אַ צאָהן. איך פּלעג אַלץ בעטען עסען, עסען! כאָטש וואָס עס־איז, אַבי עסען! די מאַמע נעבעך האָט געליטען און נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר צו טאָן. לייט פּלעגען זי ראָטען, מיך אָװעקצוגעבען עפּיס צו אַ בעל־מלאכה. נאָר זי פּלעגט פערוואַרפען מיט'ן קאָפּ און דערבײַ רעדען מיט האַרץ:

„אַ־אַ, די כפּרה בעסער זאָל ער ווערען איידער אָבצוגעבען איהם צו אַ בעל־מלאכה, צו פערשוואַרצען מיר דאָס פּנים און דאָס פּנים פון זיין טאַטען עליו־השלום!... ער, דער טאַטע זיינער, וועט דאָך דאָרט נישט קענען רוהיג ליגען אין קבר. ס'טייטש, רב טעביל דעם מלמד'ס אַ זוהן זאָל זיין אַ בעל־מלאכה, איינגעקויפט אין דער חברה פ״ץ! ס'איז דאָך נאָר אַ וועטינ אַזוינס צוהערען. אַ נישט דערלעבען, נישט דערהערען, רבונו של עולם, זאָלען עס מיינע שונאים״.

נאָט האָט צום סוף דער מאַמען געהאָלפען, מיך אַריינצוגעבען אין אַ קלייט פון צעלניק. זי איז געווען איבערגליקליך און האָט געמיינט, איהר זוהן איז שוין אַ סוחר.

נאָר איהר זוהן אָבער איז גאָר געוואָרען אַ הונד! איך וועל עס אייך באַלד טאַקי מפורש זיין.

מיין עובדא איז געווען אָנצוכאַפּען איטליכען, וואָס איז דורכגעגאַנגען, מיט אַ ליאַרעם, מיט אַ געשריי און שלעפּען איהם אין קלייט אַריין. איז עמיצער פאַרביינעגאַנגען אויף דער גאַס, פּלעגט מען מיך אָנרייצען אַזוי ווי אַ הונד און איך האָב

בעדאַרפֿט אַרויסלויפֿען, שרייען אין איין אָטעם: אַהער, פּאַני! וועבעלנע טיכלעך, לייוואַנד, שלייקעס, מעסערלעך, קאַלאָשען אַמעריקאַנישע, ים־שוימענע שטעקעלעך, מאַנדעל־זייף, פּאָמאַדע! וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכען. תחילת איז מיר דאָס געווען, אַביסעל פריקרע, ווי געהט מען עס גלאַט אַרויס שרייען אויף דער גאַס און פֿאַרשטעלען יענעם דעם וועג, ס'איז דאָך עפּעס משונה ווילד! איך פֿלעג אביסעל אונטערפֿאַלשעווען, מאַכען די שפּיל בקיצור און אַריינברענגען דאַדור: אין כעס מיין בעל־הבית מיט דער בעל־הבית'טע, וואָס פֿלעגען מיך זידלען, אויסמישען גלייך מיט דער בלאָטע און אויפֿוואַרפֿען מיר, אַז איך פרעס אומזיסט זייער זאַלץ און ברויט, כאָטש איך נעבעך האָב געהאָרעוועט, געאַרבייט איבער מיינע כוחות און געטוּן אַלערהאַנד מלאכות אין קלייט און אין שטוב, דערצו נאָך בין איך געווען אַ משרת ביי די עלטערע משרתים, פֿלעג זיי פֿאָלגען אין פֿייער, אין וואַסער אַריין, קריכען זיי אונטער די נעגעל און בין נאָך זעהר נערן געווען, אז איך האָב דערביי פֿון זיי נישט געכאַפּט קיין פסק און טרוקען פֿון זיירע הענד אַרויס. ווער שמיסט, ווען אַ משרת'ל פֿון דעם אַנדערען קלייט פֿלעגט אַמאָל אויסרייסען אַ קונה ביי מיר פֿון די הענד. דאָ האָב איך שוין געמעגט זיך געזעגענען מיט דעם לעבען. אַלע ביי אונז אין קלייט זענען אויף מיר אַרויף, דער מיט דער צונג, דער אַנדערער מיט דער האַנד און מען האָט מיר געגעבען וויפֿיעל אין מיר איז אַריין. מיין מאַמע און דער טאַטע, ר' טעביל דער מלמד, עליו־השלום, האָבען דענסטמאָל אויך גוט געלייזט. מען האָט זיי חלילה נישט פֿערגעסען, געגעבען אי אין דער מאַמען, אי אין דעם טאַטען אַריין, העט־העט ביז אברהם אבינו! פֿון עסען אין אַזאַ ביטערן שווערען טאָג איז

גאָר קיין רעדע נישט געווען, איך האָב געפֿאַסט, נישט טועם־טעם געווען, מען האָט מיר אַפֿילו מתיר געמאַכט עסען ווערעם קרענק, נאָר אַזוי ווי עסען ווערעם, קרענק איז נישט פֿאַר קיין מענשליכען מאָגען, האָב איך פֿערבראַכט דעם טאָג פּשוט אין אַ תענית. און אַזעלכע תענתים פֿלעגען מיר אָפֿט זיך מאכען אַ פּאָר מאָל אין וואָך. אַז איך האָב אַ קוק געטון, ס'איז שלעכט, תּאָב איך אַ נעם געגעבען זיך צו מיין זאַך בשלמות, ווי באלד אַז עמיצער, וואָס דאַכט זיך נאָר אַז ער איז אַ קונה, האָט זיך אַ וויז געגעבען פֿון דערווייטענס, אַז מיינער האָט ווי אַנ'אָבגעריסענער הונד פֿון דער קייט, געשווינד אַקעגען איהם זיך אַ לאָז געטון, פֿערשריגען איהם דעם קאָפּ מיט דעם נאַנצען צעטעל סחורות, איהם פֿערלאָפֿען דעם וועג און גע־שלעפּט פֿאַר די פּאָלעס. איך פֿלעג אפֿילו אַ מאָל פֿון אַזעלכען בעקומען אַ קלאַפּ אָדער אַ שפּיי אין פּנים, נאָר איך אָבער, פֿלעג מיר טאַקי טון דאָס מייניגע, גלייך ווי מיר איז גאָר נישט געשעהן. מיט דער צייט האָב איך דרינען מיך אַזוי איינגעוועהנט, אַז דאָס שרייען איז ביי מיר געווען אַ הדוה, אַ פֿרייד. איך פֿלעג זעהר הנאה האָבען, ווען עס פֿלעגט מיר זיך מאכען אַריינדערטאַפּען עפּיס אַ פּריץ, איהם פֿערדילען דעם קאָפּ און צווישען דעם צעטעל מיני צעלניק־סחורה איהם אויך רעכענען מיט אַ געשריי: מאָזשע פּאַני פּאריזשעסקי האַרצוועהטיג מיינע אויף דיין קאָפּ! פּאָמאדא, מכות, צרעת דיר, פּאַני!

דער דאָזיגער ענין המסחר מיינער אויף דער גאַס פֿלעגט מיך אָפֿט ברענגען און א סכסוך מיט משרתים פֿון אַנדערע קלייטען, וואָס פֿלעגען אויך אָנכאַפּען קונים און שרייען. מיר האָבען זיך געריסען אין דרויסען, אַקוראַט ווי אונזערע בעלי־

בתים האָבען זיך געריסען צווישען זיך אינוועניג און די קלייטען איבער'ן לייזעכטס, נישט־מעהר נאָר מיט דעם חלוק: ביי זיי האָט מען געוואָרפען מקהים, אראָבגעלאָזען די פרייזען, און ביי אונז, משרתים, האָט מען געוואָרפען קלעפּ, אראָבגעלאָזען פּעטש. און אַזוי ווי איך בין געווען דער קליינסטער, דער שלאַפסטער, איז פאַררעכענט געווען אַ מצוה, די אַלע בעסטע קלעפּ מיט די הייסע פייערדיגע פּעטש, על פּי מענשליכקייט, מיר איינעם צו־צולאָזען. אַזעלכע מתנות אָבער זענען מיר נישט וואויל בעקומען, און פון אַזעלכע מצות על פּי מענשליכקייט, בין איך אויס מענש געוואָרען, הגם צו אַזעלכע מיני מסחרים איז אַ מענש נישט אַזוי שטאַרק נייטיג, אָהן דעם קען מען אויך זיין אַ „מענש", אַ משרת הייסט עס, נאָר כח, געזונד אָבער בעדאַרף מען דאָך טאַקי האָבען, און איך בין געוואָרען, פּשוט איז פּשוט, אויס מענש, דאָס הייסט אָהן כח, אָהן קראַפט, קוים וואָס איך האָב מיר געהאַלטען אויף די פיס. אַ קאַטאָוועס וואָס איך בין נעבעך אויסגעשטאַנען! אין שטוב האָב איך בעדאַרפט טון, העלפען אין בעל־הבת'ישקייט, אין קלייט האָב איך בעדאַרפט אַרבייטען, ראָמען, קעהרען, איטליכען בעדינען, איטליכען צופרידען שטעלען, און עסען פלעג איך יסורים, קלעפּ האָב איך געלייזט פון פרעמדע אי פון אייגענע. דער גרויסער משרת אין קלייט פלעגט מיר נאָך מעהר פון אַלע טון צום טויט. אידם איז עפּעס נישט געפעלען געווען, וואָס איך נעכטיג אין דער קיך, וואוהין ער פלעגט זיך שטי־לערהייט אריינכאַפּען. ער פלעגט זיך אַליין זוכען צו מיר, ווי מיך פון דאָרט משלח צו זיין און בכלל מיינער פּטור צו ווערען. איך בין אידם געווען עפּעס ווי אַ דאָרען אין די אויגען. פונדעסטוועגען וואָלט איך עס אפשר אַלצדינג איבער־

געטראָגען, ווען עס זאָל נישט געווען זיך מאַכען די מעשה מיט אַ קנעפעל.

איך האָב אַ מאָל דערזעהן אין קלייט, וואַלגערענדיג זיך אַ מוטערסערלען קנעפעל, וואָס האָט געפינקעלט, געלויכטען מיט אַלערליי קאָלירען און פערשיינט די אויגען אַזוי, אַז איך האָב בעקומען צו איהם אַ גרויסען יצר הרע. דערביי איז מיר אַרויף אויפ'ן זינען מיין קראַנקע שוועסטער. איך וועל איהר עס געבען אַ מתנה. זי וועט אַ שבת, אַ יום־טוב, דערמיט זיך אויספוצען און זיך בערימען פאַר איהרע חבר'טעס. דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיר נאָך אונטערגעגעבען חשק, און אַז איך האָב גענומען דאָס קנעפעל און אַריינגעלעגט עס אין קעשענע, איז דער גרויסער משרת, וואָס האָט עס אַלצדינג פון דערווייטענס צוגעזעהן, באַלד צוגעלאָפען צו מיר מיט אַ געשריי: „אַזוי, שייגעץ, גנב איינער, דו לעגסט אין קעשענע? זעהט איהר — בעל־הבית'טע, האָט ער געזאָגט — יענע זאַכען, וואָס האָבען געפעהלט, איז אויך זיין מלאכה!" דאָס האָט ער שוין געזאָגט בכיון, כדי אַרויסצוווארפען אויף מיר זיינע אייגענע חטאים, אַ פנים. און איך געדענק ווי פון שלאָף, אַז ער פלעגט אַמאָל טאַקי אונטערדרוקען דער דינסט קלייניג־קייטען... קורץ, מען האָט מיר געמאַכט אַ ווי'סטען פינסטערען סוף, גוט אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעטריבען.

קאַפּיטעל 5

די מאַמע האָט מיך ווידער בעקומען צו זיך צו גאַסט אין אַ גוטער, מזל'דיגער שעה! איך זאָג נישט אומזיסט „אין אַ

מזל׳דיגער שעה, ווארום יענע צייט גראָד איז געווען די צייט, וואָס זי האָט ערגיץ ביי אַ בעקער געוועלגערט מצה, און דורך איהר חשיבות איז איהר געראָטען, אויסצואַרבייטען דאָרט פאַר מיר אַ התמנות פון אַ גיסער, דאָס הייסט אונטערצוגיסען וואַסער, מיט אַ פסח׳דיג קריגעל, דער קנעטעריןּ, וואָס דענסטמאָל האָט עס ביי מיר אַזוי פיעל פערנומען ווי די גרויסע שטעלע פון אַ שר־המשקים. איך האָב מיך מיט דער שטעלע ביי זיך אין האַרץ מיהם געווען און געקוקט אויף זיך עפּעס מיט דרך־ארץ, ווי אויף אַ מענשען, וואָס מען בעדאַרף צו איהם אָנקומען און זיין הילף איז שטאַרק נייטיג. אין דער ערשטער צייט איז מיר אַפילו אָנגעקומען שווערליך צו צוטרעפען אַקוראַט די מאָס וואַסער, און עס זענען דורך מיר חמץ׳דיג געוואָרען עטליכע מיערעס און מען האָט מיר דערפאַר מיאוס אָנגעריבען אַ נאָז, נאָר דערנאָך איז עס ביי מיר געגאַנגען ווי אַ פוטער. איך האָב מיך געהאלטען ביי זיך פאַר איין גיסער אין דער וועלט, אַפילו אין פאַריז קען שוין קיין בעסערער פון מיר נישט זיין, צווישען די מענשען, וואָס האָבען ביים בעקער זיך איבערגעוואָרפען מצה באַקען, איז געווען אויך איינער, אַ דרדקי־מלמד. ער איז געווען מיט מיין גיסען זעהר צופרידען און מיך אַפילו אַ קניפּ געטון אין בעקעלע. די מאמע מיינע האָט מיט דעם מלמד עפּעס אַליין גערעדט, גערעדט, דערנאָך האָט זי מיך צוגערופען און געזאָגט: זעהסטו, יצחק־אברהם׳צע, רב עזריאל נעמט דיך צו ביי זיך אין חדר, פאַר אַ בעהעלפערל! דערביי האָט זי געמאכט צו דעם מלמד: איך חידוש מיך מעהר נישט, רב עזריאל, ווי אַזוי דאָס איז מיר ביז אַצינד נישט אַרויף אויפ׳ן מוח! זיין טאַטע, עליו השלום, ווי איהר ווייסט, איז געווען אַ מלמד, זאָל דער זוהן זיינער, איהם צו לאַנגע יאָהר, אויך זיין אַ מלמד,

נאָר אויך די אייגענע מעשה טאַקי, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, אַז דער מח, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין יודען געדאַכט, ליגט מיר, שונא־ציון, אין דער ערד. איהר האָט דאָך מיינעם, אייך אויף צו לאַנגע יאָהר, געקענט, אויך די אייגענע מעשה, מסתמא איז דאָך אַזוי אָנגעשריבען געוואָרען, דער זוהן זאָל אויך בלייבען ביים טייטעל. אַז זיין ליבען נאָמען איז ניהא, איז מיר אויך ניהא. נימערערגער, זאָל זיין מיט'ן טייטעל . . .

ס'איז אָבער נישט געווען, ווי די מאַמע האָט געזאָגט, מיט'ן טייטעל, ס'איז גאָר געווען מיט דער וויג, מיט דער ציג וכדומה מיט אזעלכע זאַכען ! רב עזריאל־מלמד'ס ווייב האָט מיר גענומען און איהרע הענד אַריין, מיט מיר געשמאַק גע־קנעלט און מיך מכבד געווען מיט אַלערליי מלאכות. איך בין ביי איהר געווען אַ פאַרשטעקעל, אַ קאָרק, מיט וועלכען זי האָט פערשטאָפּט אַלע לעכער. אַלע טאָג אין דער פריה האָב איך בעדאַרפט, ווי אַ יוד פערפעהלט נישט דאַווגען, אָבפיהרען די ציג אין דער טשערדע. זעלטען, זעלטען אַז ר' עזריאל פלעגט זי, די ציג הייסט עס, מיט זיין כבוד אליין פיהרען פאַר די הערנער און איך פלעג זי מיט אַ ריטעל פון הינטען אָנטרייבען. אָבגעפאַרטיגט זיך מיט דער ציג, איז גע־גאַנגען אַ סדרא פון אָנטראָגען האָלץ, צונויפקלויבען אין הויף, אויפ'ן מיסט, דאַרע שפענדלעך, אויסגיסען די פאַמייניצע, אויס־קעהרען די שטוב און האַלטען אויף די הענד דאָס קליינע קינד מיט אַ נאַס פערקאַטשעט העמדעל, וואָס האָט געוויינט, זיך געריסען נאָך דער ברוסט, געצאַפּעלט מיט הענטלעך אי מיט פוסלעך, זיך פערגאַנגען, פערקייכט און, מחילה, געפּייפט מיט'ן נעזעל. איך האָב עס בעדאַרפט איינגעמען, אויסטראַכטען

שפּילעכלעך, בלאָזען און קולאַק ווי אויף אַ טרומייט, קנאַקען מיט דער צונג, מאַכען „סאָראָקע־וואָראָנע“ און זינגען „פּי־פּי־פּי“, „ציגעלע־מיגעלע“ און נאָך אַנדערע קינדערשע לידלעך, הלילה אָבצושטעלען זיך אַ רגע! די רביצען האָט געעפענט אַ פּיסק און אויסגעגאָסען אויף מיר אַ תוכחה, האַלטענדיג די קאָטשערע, גאָר אויף צו פּלעטען מיר דעם מח.

איבערגעקומען בשלום אָט די דאָזיגע מלאכות, בין איך געלאָפען צונויפנעמען די קינדער אין חדר אַריין, דאָ האָט זיך אָנגעהויבען גאָר אַ נייַ קאַפּיטעל — דער „מודה־אני“ מיט אַלע תרי״ג בעהעלפערישע מלאכות: פּוצען שטיוועלעך, שיכלעך, אַרויסנעמען נאַסע יונגלעך פון אונטער די איבער־בעטען, אויסזוכען זיי דאָס אָנטון, פערשפּילען שפּענצערס, אָברייסען שלומפערס, אָבבלאָזען פעדערען פון יאַרמעלקעלעך, אָבווישען נעזלעך, שלעפּען מיט געוואַלד פון דער שטוב און אַרויסשטופּען אין דרויסען... אָט אַזוי בין איך געגאַנגען פון שטוב צו שטוב ביז איך האָב צונויפגעזאַמעלט די גאַנצע קאָמאַנדע; דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען דער משונה ווילדער מאַרש, וואָס מען האָט איהם געמענט אויף חדושים אָנקוקען. פאָראויס און אונטער מיר לויפען, שפּרינגען, קריכען יונגלעך אין דער "פאָלנער פאָרמע", מיט אַרויסגעשטעקטע העמדלעך אונטען פון'ם שפּענצער. דער נעהט טרויעריג מיט אַנ'אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, ווי צו דער שחיטה, יענער האַלט אַ שטיק ברויט מיט אַנ'איי און עסט, איינער מאַכט קוקוריקו! און דער אַנדערער — ציגעלע מע־מע־מע! איך אַליין געה האָפּענדיג אין דער מיט, אָנגעלאָדען אין די קעשענעס, אין דעם בוזעם, אין אַ קוישעל אויפ'ן אָרעם פּלעצלעך מיט פּוטער, ברויט בעשמירט מיט שמאַלץ, רייפטלעך ברויט מיט אַ ווײדעל פון אַ הערינג,

מיט טעפלעך קאַשע, וויערמילך, קעז, ציבעלעס, קנאָבעל און שאר ירקות, און פיהר פוןביידע זייטען ביי די הענטלעך צו האַלב טויט יונגלעך. א טייל יונגלעך כליפּען, סטאָרען מיט דער נאָז, א טייל שפּארען זיך איין און ווילען נישט געהן, א טייל פערדרעהען דעם קאָפּ ארינטער, וויינען שרייען: מאמע, מאמע? הויך אויף א קול איבער דער גאנצער גאַס...

אָנקומענדיג און חדר האָט דער רבי מיט דעם עלטערן בעהעלפער איבערגענומען דעם גאנצען עטאפּ קליינע ארעס־טאנטלעך, און זיך גענומען צום שמייסען. איך האָב בעדארפט דערלאנגען ריטער און האלטען פאר די פיסלעך. אָבגעשפּיעלט און געלעגט אויפ׳ן ביינקעל האָט דער רבי מיט זיין כבוד אליין. אז די אָבגעשמיסענע קינדער האָבען זיך א לאָז געטון שפּילען אויפ׳ן בערגעל מיסט אין דרויסען, האָב איך מיך געזעצט אָב־רוהען — וויגען דאָס קינד. רבי עזריאל דעם מלמד׳ס קדיש זינגען איהם דערביי „אונטער הייקעלעס וויגעלע שטעהט א וויים קלאָר ציגעלע״. אָבער אויפּפלאָנטען א מאָל א מאָטיק פאָדים, געהן אויפזוכען די הינער, שרייען א־קיש! און טרייבען דעם האָן מיט זיין פעקעל ווייבער, די לעפּטשיכעס, אראָב פונ׳ם בוידעם אי פונ׳ם דאַך. אין א פאָר שעה ארום האָב איך מיך איינגעשפּאנט געהן ברענגען די יונגלעך ווארמעס אין חדר אריין און אזוי האב איך מיך געדרעהט אהין־אהער, אָנגע־טופּעט ביז פארנאכט.

פארנאכט איז געקומען די צייט אָבצופיהרען די כאָפּטע קינדער א היים. מיינע צאן־קדשים זענען ליסטיג געלאָפען, גע־שפּרונגען, דער מיט א אונטערגעשלאָגען אויג, יענער מיט בלויע צייכענס אויף דער באק, איינעם האָט געפלאמט אנ׳אויער, דעם אנדערן איז אביסעל אויסגעצופּט געווען א פאה, קיינער

אָבער האָט פֿאר שמחה דערויס זיך גאָר נישט געמאכט. אלע האָבען געשטיפּט, געאיילט, געיאָגט לעבענדיג־פֿרעהליך. אין דער צייט איז אויך די טשערדע קיה צוריק געגאנגען פֿונ׳ם פֿעלד מיט די פֿערשייטע ציגען פֿאָראויס. איך האָב אָבגעלאָזען מיין צאן־קדשים און געגאנגען מקבל־פּנים זיין ר׳ עזריאל דעם מלמד׳ס ציג. האָב זי א כאפּ געטון ביי די הערנער און אָבגעפֿיהרט א היים אין איהר רוה אריין. דערמיט האָב איך זי אָבגעהאלטען פֿון א גרויסער מיאוס׳ער עבירה — שפּרינגען ערגעץ אין א פֿרעמדען גאָרטען אריין, און מיר האָב איך פֿערשפּאָרט א קאָפּדרעהעניש זי צו זיכען, ווי עס פֿלעגט זיך מאכען א מאָל, ביז שפּעט אין דער נאכט.

מכח מיין עסען איז דער מדובר געווען אזוי: ר׳ עזריאל האָט מיר צו־געזאָגט קעסט ביי זיינע בעלי־בתים, ביי איינעם אכטאָג, ביים אנדערן צוויי וואָכען, אָדער א חודש, ווי עס האָט זיך געלאָזט. נאָר באמת בין איך געווען אויף קעסט נישט ביי די בעלי־בתים, נאָר וואָס דען? — ביי זייערע קעכינס. וואָס האָבען געהאַט א מינג נישט צו האלטען ר׳ עזריאל׳ס התחייבות און מיך לאָזען פּשוט הונגערן, און וואָס דאָס האָבען זיי זעהר אָפּט טאקי געטון. איך ווידער פֿון מיין זייט, הגם אין מיינע תנאים איז נישט געשטאנען צו טון דאָרט עפּעס א מלאכה, פֿונדעסטוועגען האָב איך פֿאָרט נישט געקענט אזוי גראָב זיין, אָבצוזאָגען זיך, ווען מען האָט מיך מכבד געווען מיט ארבייט. איך פֿלעג רייבען כריין, שאַרפֿען מעסערס, שייערען, רייניגען די שבת׳דיגע מעשענע לייכטער, געהן צום שוחט קוילען עופֿות, לויפֿען אין דער דינסט׳ס שליחות אין קלייטעל נאָך פֿעפֿער, נאָך אינגבער מיט צימערינג צום קוגעל, וכדומה נאָך זאכען אין דעם בעל־הבית׳ישקייט.

ס'איז געווען אַרום תשעה־באב־צייט. איך האָב מיך שטאַרק מכין געווען, אָנגעגרייט כלי־זין — הילצערנע שווערדלעך פאַר מיינע יונגלעך, אָבגעפאַרבט זיי, די שווערדלעך הייסט עס, מיט שוואַרצע יאַגעדעס און מיט אַנדערע מיתה־משונה־פאַרבען און געהאַפט דערפון צו האָבען אַ שענעם גראָשען. נאָר פלוצלים האָט אויף מיר זיך אנגעריקט אַ כמאַרע און צושטערט מיינע האָפענונגען. ר' עזריאל האָט אין יענער צייט בעדאַרפט גראָד שלאָגען טויט־שלעק עפּעס איינעמס אַ נגיד'ס אַ יונגעל, אַ בן־יחיד'ל וואָס איז געווען שטאַרק צימעריג ביי די עלטערן. דאָס יונגעל איז פערשלאָפט געוואָרען און געלעגען קראַנק אין בעט. די מאַמע מיט דעם טאַטען האָבען געליאַרעמט, געשריגען און געזאָגט: זיי מוזען דעם רב עזריאל'ן גוט אנלערנען און צונעמען. ביי איהם דעם גאַנצען חדר. רב עזריאל האָט שטאַרק איבערגעשראָקען, געזוכט אַ וועג ווי זיך צו רייניגען, און אַרויפגעלעגט די גאַנצע שולד אויף מיר, דאָס איז, האָט ער זיך פאַרענפערט, דעם בעהעלפער'ס מלאכה. ער איז, האָט ער געזאָגט אויף מיר, אַ גרויסער שייגעץ, אַ ווילדער עכבראַש! דאָס, יונגעלע פון זיין זייט האָט געשוויגען, שטאַרק מורא געהאַט, ווי געוועגליך, אויסצוזאָגען פונ'ם חדר. עס איז אָנגענומען געוואָרען, אַז איך בין שולדיג, און ביי ביידע צדדים איז געבליבען, מיך גוט אויסצופּאַטשען און אַרויסצוטרייבען פונ'ם חדר. איך בין געוואָרען דאָס כפרה־הינדעל און מען האָט מיט מיר, שלים'מזל, טאַקי באַלד געשלאָגען כפרות!

קאַפּיטעל 6

טאַ! — האָט די מאַמע מיינע זיך אָנגערופֿען אין אַ שמועס מיט עפּעס אַ יודענע, און בשעת מעשה געקוקט אויף מיר — אויך די אייגענע מעשה, ווי זאָגט מען עפּעס, אסתּר, אַ מענש טראַכט און גאָט לאַכט. איך האָב פֿון מיין זייט יוצא געווען, זיך געלעגט, ווי מען זאָגט עפּעס, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, אין דער לענג און אין דער ברייט, נישט צו פֿערשווארצען מיינעם דאָרט אין קבר דאָס פּנים, גאָר גוה צורייס זיך, שונאי ציון, אז עס פֿאַלט אַלץ מיט דער פּוטער אַראָב. איך האָב איהם אַזוי ווי איהר קוקט איהם אָנ־עט, אסתּר, שוין געשטעלט אויף עטליכע ערטער. ער האָט געקענט דאָרט ווערען אַ לייט, טאַקי וואָס לייט הייסט, אז גאָט און לייט וואָלטען מיך מקנא געווען. גאָר גוה צורייס זיך, אסתּר, נעהם כאָטש דאָ אייג־עט אַ מיתה־משונה און ווער די כּפּרה, אז עס קומט גאָר אויס, דיר אויף צוזעצעניש, שונאי ציון, פּונקט בוי־בעריק! אויך די אייגענע מעשה, ווי זאָגט מען עפּעס, אַז דאָס שלימ׳מזל לאָזט נישט אָב אַ מענשען, מוז מען אָנבויגען דעם קאָפּ. אז מען קען נישט אריבער, זאָגט דער עולם אַ ווערטער׳ מוז מען אַרונטער. יאַק נימאַ ריבאַ טאָ אי ראַק ריבאַ, זאָגט אפֿילו אויך דער פּויער להבדיל. איהר זענט דאָך אַ וואויל־קענעוודיגע, אסתּר, טאַ! צו אַ בעל־מלאכה, לאָז זיין צו אַ בעל־מלאכה. מסתּמא איז דאָך אויבען אַזוי אָנגעהתמ׳עט געוואָרען, אַז טעביל דעם מלמד׳ס זוהן זאָל זיין אַ בעל־מלאכה, וועה און ווינד איז מיר! אויך די אייגענע מעשה, מה אנו מה חיינו, גוה פֿרעג דעם רבונו של עולם קשיות!

אין עטליכע טעג ארום בין איך אריינגעטרעטען פֿאַר אַ לערן־יונגעל צו לייזער דעם שניידער.

לייזער דער שניידער איז געווען א קליין דאר יודעל מיט א בלייך פנימ׳ל, זעהר ספרוטנע, א ריהרענדיגעס ווי קוועקזילבער, מיט אלע שניידער׳סשע פּאַסטעמקעס — א פאלגע מיט די ביינער. מען האָט איהם גערופן רופן אי א ווייבערישער אי א מענסקער שניידער, אָדער, נאָך גלייכער, נישט קיין ווייבער־שער, נישט קיין מענסקער, ווייל ער האָט זיך אונטערגענומען נעהען אי ווייבערישע, אי מענישע קליידער. אלצדינג אין דער וועלט, אפילו א היטעל אויך, און האט קיין זאך נישט רעכט געקענט. אונטער זיינע הענד פלעגט א יופע מגולגל ווערען אין א שלאָף־ראָק, א שלאָף־ראָק אין א קאפּאָטע, א קאפּאָטע אין א קליידעל און א קליידעל אין קינדריש לייבעל. דערצו איז ער געווען א בריה. עס האָט ביי איהם אויסגעגעבען תמיד מאטעריע אקוראט וויפיעל מען בעדארף, און איהם איז נאָך אויך איבערגעבליבען א היבשער שטיק יתור. אונטער אנ׳אָסיען, די רעכטע צייט, ווען ביי יודען אין דער פאמיליע הייבען אָן קליידער איבערגעניצעוועט און מגולגל ווערען פון איין מלבוש אין דעם אנדערען, דענסטמאָל איז ער געווען פערוואָרפען מיט ארבייט.

לייזער האָט פון זיך הנאה געהאט און זיך געהאלטען פאר דעם בעסטען שניידער ווען נישט אין דער גאנצער וועלט על כל פנים פאר דעם בעסטען אין בעזלידעוו, ווייל ער האָט אליין נישט געוואוסט וואָס איהם פעלט. אז מען פלעגט איהם א מאָל וויזען עפּיס א גוט שטיקעל ארבייט ערגעץ פון דער פרעמד פון בערלין א שטייגער, פלעגט ער געבען א שמייכעל און נישט וועלען דעם כבוד אָנטון, דערצו זיך רעכט צוקוקען און צו בעטראכטען, ווי דאָס איז גענעהט, ווי עס געהט דער שניט.

„עט ! — פֿלעגט ער שמייכלען מיט א קנייטשעלע און יענעם אָבשלאָגען די פֿליגעל — עט, וואָס איז דאָ אזוי פֿאר א חריפות ? וואָס האָט מען דאָ געפֿונען אזוינס וואָס צוזעהן ? אזעלכע ארבייטען האָב איך שוין אין מיין לעבען טויזענטער מאָל איבערגעמאכט. מען בעדארף נאָר צו אלץ האָבען מזל אבי ס׳איז אין בערלין, הע, הע, איז שוין גוט".

א צינגעל האָט לייזער געהאַט א געשליפֿענס, זעהר א געלייפֿיגס. אז עמיצער פֿלעגט וועלען איהם אויסמאָלען, ווי ער זאָל איהם נעהען, האָט ער יענעם נישט געלאָזט אויסרעדען, פֿערכאפּט און גערעדט אלץ אליין !

„איך וויים, איך וויים-וויים ! זייט זיכער, איך וועל אייך מיט גאָט׳ס הילף מאכען א שטיקעל ארבייט נאָך בעסער ווי איהר אליין ווילט. דאָס ערשטע מאָל איז מיר דען צו מאכען אזא ארבייט ? איך וויים, זייט זיכער, איהר וועט צופֿרידען זיין".

ביים אבברענגען די ארבייט, אז יענער פֿלעגט זאָגען : דאָ קוועטשט איהם, דאָ קנייטשט זיך, דאָ ליגט נישט גוט, דאָ איז שמאָל, האָט לייזער נישט געוואָלט גאָר הערען, אלץ גערעדט, גערעדט און פֿערשאָטען מיט רעד :

„חלילה, ווי פֿאלט איהר אויס אזוינס צו זאָגען ? עס קוועטשט נישט ! עט טאָר גאָר נישט קוועטשען, עס הייבט נישט אָן אפֿילו זיך צו קנייטשען. גיט נאָר א ציה, זייט מוחל, אהין אביסעל, עס ליגט אזוי ווי אויסגעגאָסען. נאט אייך נייס — ס׳איז שמאָל ! וואָס הייסט שמאָל ? אז עס טאָר נישט זיין שמאָל ! איהר האָט ערשט אבגעגעסען אין זענט אביסעל פֿול, דאכט זיך אייך אויס, אז ס׳איז שמאָל. איך זאָל פֿער-קרענקען איזדעם היגען הקדש, וואָס מיר איז דערפֿון אראָבגעפֿאלען,

ביי מיינע יודישע נאמנות! מען איז קוים אויסגעקומען ווי מיט קרעפּעל־פלייש. ס'איז איבערגעבליבען פונ'ם אונטערשלאק א שמאָל פּאסעקעל פּערקעל, האָב איך עס אייך אבגעבראכט. בעסער ווי איך האָב אייך געמאכט, קען מען שוין טאקי ערגייץ נישט מאכען. איהר וועט זיך אַביסעל איינגעהן, וועט איהר געוועהנט ווערען. טראָגט געזונד!"

ביים צאָהלען פלעגט זיך אנהויבען א דינגעניש. ער האָט אוועקגערעדט א שעה מיט הרמות, אָבגעלויבט אין טאָג אריין זיין ארבייט, אויסגערעכענט איטליכעס פּיצעלע בעזונדער, וואָס האָט איהם געקאָסט, געמאכט א שניידערישען השבון און געשטעלט פאר עדות אונטער די אויגען דעם קרעמער, דעם שמיקלער אי די יודינע פונ'ם שאפקעלע, און אבגעשאָטען פשוט מיט ניין מאָס רעד, ביז מען האָט איהם מוסיף געוועזן נאָך א צעהן גראָשען. טא. פלעגט ער דערנאָך מאכען, גיט כאָטש אביסעל בראָנפען... מיט אביסעל בראָנפען האָט ביי לייזער'ן זיך אנגעהויבען און אויסגעלאָזט אלע געשעפטען. ער איז נישט געווען חלילה קיין שכור, זיך נישט געוואלגערט אין די גאסען, נאָר טרינקען האָט ער געקענט. די מלאכה האט ליעב דעם טרונק — איז געווען זיין ווערטעל. און ער האָט טאקי אמת ליעב געהאט די משקה. צוליעב דעם פלעגט ער זיין א גאנצער מאכער אין דעם צעך, האבען אזא התקרבות מיט דעם צעכמייסטער, ארויסווייזען זיך און שטארק ארבייטען בשעת עפּעס א וויבאָר, ווייל געוועגטליך געהט עס דאָ נישט אָהן אביסעל בראָנפען. לייזער'ס נשמה האָט ניש'קשה געפיהלט, וואו מען בעקומט דעם ביטערן טראָפען. נאָר זאָגען, אז פאר א כוסה האָט ער פערקויפט זיין הארץ, זיין פערשטאנד. ער האָט אויפגעהערט צו פיהלען, צו פערשטעהן וואָס גוט און

וואָס שלעכט — חלילה, דאָס נישט. פֿערכוס'עט האָט ער עס נישט, ער האָט טאקי ביי זיך געהאט זיין שכל און ווי אלע אנדערע זעהר גוט געוואוסט דעם אמת, ער האָט נאָר פֿערכוס'עט, פֿערקויפֿט זיין גאלקע . . .

לייזער דער שניידער האָט מיר גלייך ביי מיין אָנקומען צו איהם שטארק געגומען און דער ארבייט און מיט מיר אָנגעהויבען דעם אלף־בית פֿון רער מלאכה. דער אלף־בית איז נישט בעשטאנען דריגען, ווי מען האלט די נאָדעל, ווי מען בעדארף א שטאָך טון — ניין ! דאָס איז נאָך געווען צופֿריה, דעם דאָזיגען כבוד האָט מען מיר נאָך א לאנגע צייט נישט אבגעגעבען. לייזער האט מיט מיר אנגעהויבען פֿון דער התחלה — פֿון זיין פאמייניצע, האליץ טראגען וכדומה נאָך אזעלכע זאכען, כמעט דער אייגענער אלף־בית, וואָס ביי דעם צעלניקער און ביי עזריאל דעם מלמד, נאָר מיט אביסעל פֿערענדערונגען, ווי עס פאסט צו א שניידער, דהיינו : געהן אין מארק נאָך כשר'ע פֿאדים ; ארייגשטעלען פרעסלעך ווארימען אין אויווען, ביי לייזער'ן גופא אין שטוב, אָדער א מאָל ערגיץ ביי א שכן ; זוכען א מאל צעהן אין טאג אונטער'ן טיש, אונטער די ביינק, דעם פֿינגערהויט, אָדער א דין נאדעלע ; ארויסציהען פֿארשטריגעס און אבטראגען מיט דעם בעל־הבית ערגיץ א שטיקעל ארבייט. און אזוי ווי לייזער האט געהאט א ווייב, א בעל־הבית'טע, א בריה א יודענע, האָט זי זיך מיט מיר שטארק אָבגעגעבען, אויסגעזוכט ביי זיך תמיד פֿאר מיר ארבייט און מיר נישט געלאָזט חלילה לעדיג זיצען קיין רגע. די מאמע מיינע האָט נאָך לעת־עתה נישט געהאט זיך וואָס צו שעמען פֿון מיין מלאכה, און מיין טאטע ר' טעביל דער מלמד האָט נאָך דערווייל געקענט רוהיג ליגען אין קבר : זייער זוהן האָט זיי נאָך

נישט פֿערשוואַרצט דאָס פּנים, ביז דער נאָדעל איז נאָך געווען גאַנץ ווייט, און מכּה שלאָגען — דרינען האט מען זיך נישט געדוּנגען. א מאָל האָט מיך געשלאגען לייזער, א מאל לייזער׳ס ווייב און אמאל ביידע אינאיינעם טאקי, אדער זיי ביידע, נאר אויף אנ׳אנדער מין אופן, דהיינו אזוי: לייזער האָט פֿריהער אבגעשטעקט עטליכע פּעטש לייזערכען און לייזערכע האט זי׳ מיר געטריי איבערגעגעבען מיט פּראָצענט, מיט געשמאקע עטליכע קניפּ דערצו, אדער פֿארקערט, לייזערכע האט מיט אמאָל צום ערשטען אריינגעלעגט מיט איהרע אייגענע הענד, וויפֿיעל זי האט נאר געקענט אין לייזער׳ן, און לייזער האט נישט געקענט אויסהאלטען, ער זאל עס באלד נישט אריינ־ווארפֿען אין מיר... לייזער מיט׳ן ווייב האבען געלעבט ווי א פּאָר טויבען, גלייך אין אלע זאכען: ביידע זענען געגאנגען אין ספּאָדיק, ביידע האבען געהאט א גלייכע דעה, ביידע האָבען מורא געהאט איינער פֿאר דעם אנדערן, זיך געהאלזט, ארומגענומען און זיך געטיילט מיט דעם שענסטען בעסטען — מיט פּעטש...

קיין האָניג האט איך ביי לייזער דער שניידער נישט גע־לעקט. איך האָב געארבייט אין שטוב ווי איין עזעל און געכאפּט פֿון אלע זייטען קלעפּ, דענסטמאל האב איך געמיינט, אז דאָס אלצדינג מוז מען א לערן־יונגעל טון און אָהן דעם חלילה, דאָס הייסט, אָן פּאָמעייניצעם־טראגען וכדומה און אָהןקלעפּ, הייסע פֿייערדיגע פּעטש, וועט ער נישט קענען זיין א בעל־מלאכה, אקוראט ווי אָהן קלעפּ קען מען נישט לערנען און מאכען פֿאר א למדן. א שפּיגעלע האָב איך פֿאר מיר געהאט לייזער׳ס אנ׳ארבייטער. א דארער, איינגעהויקערטער, אויסגע־בלייכטער בחור, וואָס ער האט זיינע בעסטע יונגע יאָהרען

פֿערבראַכט ביי לייזער׳ן, געטון עבודת פּרך און געליטען ביז ער איז געקומען צו דער מדרגה האלטען א נאָדעל און שטשאָבען. דעריבער פֿלעג איך, שלימ׳מזל, נעבעך מקבל באהבה זיין אלע פּעטש און אפילו גישט הויך וויינען.

איינמאָל אונטער א פֿאַר־פּסח רופֿט דער בעל־הבית צו מיר זיך אָן:

„איציק אברהמ׳ל, גיב נאָר א שפּרינג אין קרעמעל, כאַפּ פֿערכאַפּט זאָלסטו ווערען, פֿאַר א גראָשען כשר׳ע פֿאָדים אין בעוואַרף. ווארפֿען זאָל עס מיט דיר. אָט פֿון דעם דאָזיגען קלייד דעם פֿעדער־חלק, דערנאָך דעם אונטער־חלק. זשיוואָ, ממזר!

איך געדענק, ווי שטארק איך האב מיך דערפֿרעהט דענסטמאָל אויף דעם כבוד — זיצען ביי דעם טיש און האל־טען א נאָדעל. גלייך ווי מען וואָלט מיך אויף א חתונה מכבד געווען האלטען די חופּה־שטעקענעס. היידא! איך האב מיך אנידערגעזעצט ביי טיש אקעגען דעם אויסגעבלייכטען בחור, פֿרעהליך, ליסטיג און מיטביידע הענד געהאלטען דעם אונטער־חלק, ווי עפּעס א טייערע זאַך, אַנ׳אבן־טוב. דער שניידער האָט אויף א ביי־קולכען צוגעזונגען א שטיקעל פֿון כל־נדרי, באלד א מלך־עליון, באלד איז ער איבערגעגאנגען אין א מארש, צוגעשאָקעלט מיט׳ן קעפּעל און צוגעפּויקט צום טאקט מיט די פּיסקעס. באלד האָט ער געזאָגט א המצאה׳לע איבער מיר איבער דעם אויסגעבלייכטען בחור, און דערביי ארויסגעשטעקט א שפּיץ צינגעל. באלד האט ער געזונגען וויינענדיג ווי מען בעזעצט א כלה און באלד האָט ער געזאָגט, ווי דער מארשאלעק גראמען. „זשיוואָ, איציק אברהמ׳ל! — האָט ער מניה־וביה טאקי געזאגט מיט א נגון, — שנייצ אָב דאס ליכט, ממזר! געה גיכער, אנגעבלאָזענע צורה! אביסעל גיכער, איציק אברהמ׳ל,

כאפ ביי מיר נישט, ממזר קיין דרעמעל !" און איך, שט שטאך, שטאך דא שטאך אין דעם קלייד, אין די פינגער, וואו עס האט זיך פאפאדעט. נאר ווער הערט א שטאך בשעת אויפ'ן הארץ איז פרעהליך?

פלוצלים אבער האט אויך מיר זיך אנגערוקט א „כמארע! אין דער גאנצער שטוב האט אנגעהויבען צו שטינקען סמאלינע. מען זוכט דא, מען זוכט דארט און מען געפונט לסוף, אז ביי מיר, שלימ'מזל, סמאלעט זיך דער אונטער־חלק יענער אונטער־חלק, וואס איך האב בעווארפען! ווארום בשעת איך האב אבגעשנייצט דאס ליכט, איז א שנויץ דערויף ארויבגעפאלען! א געוואלט, א געשריי, א געפילדער, וואליי פעטש, קולאקעס און קלעפ איז מיר געפאלען ווי האליץ! איך האב גענוג געהאט פאר דאס מייניגע. דער שניידער פריווט זיך מאכען פונ'ם אונטער־חלק א פעדער־חלק, ארבעל, עס געהט נישט! ער האט שוין נעבעך פונ'ם קאסטען ארויסגענומען דעם שטיק יתור פון דעם קלייד, נאר מוטשע זיך, שונאי ציון, פון היינט איבער א יאהר, עס געהט נישט: כאטש צעריים זיך! כאטש טו דא פוטער אריין, עס געהט נישט! דעם אונטער־חלק מוז טאקי בלייבען אנ'אונטער־חלק, פון א חזיר'ש עקעל קען מען קיין שטריימעל נישט מאכען...

„הער נאר אויס, איציק אברהם'ל! — האט געזאגט לייזער — הער אויס, ממזר'יק, יונגאטש איינער, א קרענק דיר אין די ביינער! פאטשען דיך האב איך שוין מעהר קיין כח נישט, אז די בעל־הבית'טע וועט קומען פונ'ם מארק, וועט זי דיך מסתמא אויך דערווארמען אביסעל אין אויסטאפען דיר די ביינדלעך. זי האט אויך אזא רעכט גלייך ווי איך אין זי וועט דיר איהרס נישט שענקען. נאר דאס אלצדינג אבער איז אליץ

גאָרנישט, א היוניק אקעגען דעם, וואָס דו וועסט ערשט לייזען שפּעטער, באם עס וועט מיר ניט איינגעהן מיין הסברה.״

לייזער דער שניידער האָט באלד טאקי זיך פֿערטראכט איבער דעם אונטער־חלק און גערעדט צו זיך אליין: „פֿאר וואָס נישט טאקי א קעשענע... פֿונ׳ם לאָך א קעשענע?... אַי וואָס?... עט, מילא וואָס מאסט עס אויס?...״ דערנאָך האָט ער אויסגעשטעלט אויף מיר א פּאר אויגען און א געשריי געטון!

„פּאַשאָל וואָן ממזר! אלע־ לולע (הללוהו) כל צבאיו, הינט זאָלען מיט דיר האנדלען!״

איך האָב מיך ארויסגערוקט פֿון אונטערן טיש ווי א קעצעלע, און געוואָרט מיט א פֿערקלעמט הארץ א ווילטען סוף.

די דאָזיגע טרויעררדיגע מעשה איז געשעהען מיטוואָך תּחילת אָוועגט. פֿרייטאָג, געדענק איך ווי היינט, האָט דער בעל־הבית מיר געהייסען אָבטראָגען נאָך איהם דאָס קלייד צו דעם אַרענדאַטאָר׳ס ווייב. די ארענדאַטאָרקע גיט אַ בליק — א דונער, א אשלאַק: א קעשענע סאמע אונטען!

„וואָס איז דאָס אַזוינס, שניידער׳ל לעב? — האָט זי זיך צושריגען — ס׳טייטש, וואָס איז דאָס — דאָס? איך וועל, אסור הזיר, אַזאַ קלייד בשום אופן נישט צונעמען!״

„אי — האָט לייזער מיינער געענפֿערט מיט א זיס לעבעלע און איהר פֿערשלאָגען די רייד — אי, שרייט, כ׳לעבען, נישט, בריינדעל! אַזוי העלף מיר גאָט ווי איך האָב אייך געמאַכט גוט! איך האָב אייך גענעהט דאָס קלייד נאָך דער סאמע לעצטער מאָדע. ס׳טאטש, ביי אלע פּריצ׳עס זענען היינט אויפֿגעשפּאָלטענע קעשענעס אונטען. א משוגע׳נער מאכט היינט קעשענעס פֿאָרענט! איך זאָל אַזוי, רבונו של עולם, פּטור

ווערן פון מיין מלאכה און נישט בעדארפן זיין קיין שניידער (אזוי געווענטליך פלעגט ער זיך שווערן, ווי דער שטייגער פון אלע אנדערע יודישע בעלי־מלאכות) ווי שען דאס זעהט אויס! א שאד, כ׳לעבען, וואס איהר קענט נישט אליין מיט אייערע אייגענע אויגען אנקוקען דעם זיבעטען חן, וואס דאס האט. טאפט, כ׳לעבען, נישט, בריינדעל, ס׳איז גוט! אט טראגט געזונד, פארניצט געזונד, צערייסט געזונד! גיט נאר קריטשענע מיין לערן־יונגעל, ער פארדינט, כ׳לעבען, ער האט נעבעך די אויגען זיך ארויסגענומען און א סך געהארעוועט אויף דער קעשענע. מיר קומט אויך, כ׳לעבען, א כוסה!

לייזער איז געווען פארכענט אין בעזליודעוו פאר איינעם פון די בעסטע שניידער, וואס געהן נאך זשורנאלען, און דער ארענדאר דארט איז געווען איינער פון די גרעסטע נגידים, הייגט אז מען האט געזעהן זיין ווייב, די ארענדארקע, געהט ארויס אונטען מיט א קעשענע, זענען דערנאך אלע בעזליודעווער מאדנע ווייבלעך ארויסגעגאנגען אונטען מיט אויסגעשפאלטענע קעשענעס. נאר הגם מיין קעשענע איז אריין אין דער מאדע, איך אבער בין דערפון נישט געהאלפען געווארען. לייזער האט מורא געהאט, איך זאל מיט דער צייט נישט ארויסווארפען עפיס אזוינע נייע מאדעס, וואס וועלען איהם הלילה אנמאכען בויכוועטאג, און מחמת מורא נישט געוואלט געבען מיר א שטאך ארבייט. ער האט מיך אין גאנצען אוועקגעשענקט זיין ווייב במתנה גמורה, זיך נאר איבערגעלאזען דאס רעכט, מיר א מאל אבצושטעקען א פאטש. וואס טויג מיר, האט ער זיך אנגערופען, אזא פערשלעפטע קרענק, אזא מין קינצלער? און דערביי אבגעזאגט זיין געווענטליכען פסוק: אלע־לולע כל צבאיו, הינט זאלען מיט איהם האנדלען!... לייזערכען האב

איך אַ מאָל אַ שאָדען אָנגעטון, נישט ווילענדיג איהר צוברעכען אַ טאָפּ מיט אייער און געמוזט לסוף דורך דעם עיקר זיין.

מען האָט מיך דערנאָך אָבגעגעבען צו אלערליי אנדערע בעלי־מלאכות, וואָס אַ וואָך צו אַנ'אנדערן. איך אָבער בין געווען אַ שלימ'מזל און ערגיץ נישט געהאַט קיין גליק. איטליכער בעל־מלאכה בעזונדער האָט מיר דאָס ערשטע בעקאַנט געמאכט מיט דעם בעל־הבת'ישקייט און מיך איינגעשפּאנט אין דעם יאָך. איין בעל־הבית האָב איך אויף מיר געהאַט, עפּעס אַ שוסטער'ל, אַ פרעהליכען קבצן, ער פלעגט מיך אליין שיקען צווישען די אומריינע ערטער — רייסען ביי חזירים חזיר־האָר פון'ם רוקען. נאַרעלע, אזוי איז געווען תמיד זיין ווערטעל: פון אַ חזיר אַ האָר איז אויך גוט. ביי אַ חזיר איז אַ מצוה צו רייסען... בשעת ארויסטראָגען אַ פאָמייניצע פלעגט דער דאָזיגער פרעהליכער קבצן אויף שפּאַס אויפשטעהן און מאכען מיט אַ נגון:

„תן כבוד לאיצינאָ! טראָג, טראָג, איציק אברהמ'ניאָ, איך זאָל דערלעבען טראָגען דיר צו דער התונה ווייַן אין אַ רעשעטע! טראָג, איציניאָ, טראָג, אין דיינע יאָהרען האָט איך גענוג פאָמייניצעס איבערגעטראָגען!...

דעם דאָזיגען שוסטער'ל האָב איך אין האַרץ ליעב געהאט, ער איז מיט מיר זיך בעגאנגען בעסער ווי אלע אנדערע. איך וואָלט מיך ביי איהם געהאלטען און אפשר עפּעס וואָס אויסגעלערנט, נאָר ער איז אבער שטאַרק קראַנק געוואָרען, אָבגעהויבען שטארקער ווי פריהער צו הוסען, צו שפּייען מיט בלוט, ווייל ער איז נעבעך שרעקליך אָבגעקומען, געהאָרעוועט, געאָרבייט איבער די כוחות, מפרנס צו זיין דאָס ווייב און קינדער. און עסען האָט ער נעבעך געגעסען יסורים. הוי'ן אַ דאַר

שטיקעל ברויט מיט עפּעס וואָס־ס׳איז דערצו, איז אין זיין מויל נישט געקומען. דעם טעם פֿון פֿלייש האָט ער שוין לאנג פֿארגעסען, ביי א שמועס א מאָל פֿלעגט ער אלין שפּאסען: פֿלייש — דאָס איז נישט קיין יודישע זאך. איך משוגע׳נער האָב מיר טאקי איינגערעדט א שטיקעל לונג־און־לעבער שבת אין טעפּעל!... מען האָט איהם נעבעך אויף א וועגעלע אוועקגעפֿיהרט אין הקדש אריין און ער איז דאָרט טאקי באלד געשטאָרבען...

שלמה ר׳ חיים׳ס

קאַפּיטעל 1

אַ צעהן וויערסטלעך פֿונ׳ם שטעדטעל ק... אין דער ליטא ערגיין, געפֿונט זיך אַ מין קליין דערפֿעל עפּעס, אַרומגערינגעלט מיט גרויסע וועלדער, צווישען וועלכע עס פֿלייצט אַ היבשער, אַ שענער טייך, וואָס נעבען איהם שטעהט אַ מיהל, און דעריבער הייסט דאָס דערפֿעל מליניצא. אויף איין זייט טייך קוקען אַרויס פֿון צווישען גרינוואַרג און בוימער א דריי קליינע הייזלעך פֿאַר דריי פּוירישע פֿאַמיליעס, די איינציגע איינוואוינער דאָרט, און אויף דער אנדער זייט טייך שטעהט האַרט נעבען וואַלד איין איינציגע שטוב פֿון קיילעכדיגע ברעווענעס מיט קליינע פֿענסטער און א הויכען, אַלטען דאַך. דאָרט זיצט חנא מליניצער מיט זיין הויזגעזינד, דער אַרענדאר פֿון דער מיהל, וואָס די חזקה אויף דער אַרענדע געהט איבער אין זיין משפחה פֿון טאַטעס צו קינדער. אינגאַנצען זעהט מליניצא אויס ווי א נעסט וואָס ליגט פֿערבאָרגען אין א ווינקעל, אָבגעריסען פֿון דעם וועלט, ווייט פֿון מענשען און פֿונ׳ם טראקט. נאָר קליינע שמאָלע וועגלעך שלענגלען זיך דורך דעם וואַלד דורך טאָלען און בערגלעך און פֿיהרען צו דערפֿער, וואס ליגען צוזייט אַרום און אַרום. און ווען מענשען זענען דאָ זעלטען, עס רעשט נישט, עס קאָכט נישט ווי אין שטעדט, דערפֿאַר שוויבעלט און גריבעלט דאָ אין די וועלדער, אין די זומפּען און פֿעלדער אַלערליי בעשעפֿעניש, חיות און עופות; דערפֿאַר לאָזט זיך דא

הערען אַלערליי קולות: אַ געזאַנג פֿון פֿייגעל, אַ קראַנקען, אַ קוואָקען, אַ שמוצערן, אַ גרילצען זומער, א וואָיען, אַ היילען פֿון הונגעריגע וועלף ווינטער, און אַ מאָל אַ ברומען פֿון פֿערבלאָנדזעטען בער אויך — און אין דעם דאָזיגען קאָנצערט פֿערטראָגט זיך אַ רוישען פֿונ׳ם וואַסער ביים אַראָבפֿאַלען אויף די רעדער, אַ קלאַפּען, אַ מאָלען פֿון דער מוהל.

ס׳איז אחרון של פסח — אַ שענער, אַ וואַרמער ווערסנעטאָג. די גילדענע זון האָט ביים אויפֿגעהן צעריסען, צעטריבען די גרויע וואָלקענעס אין דער לופֿט און מיט איהר ליכטיג פּנים אַראָבגעקוקט פֿונ׳ם בלויען הימעל מילד פֿריינדליך אויף דער ערד. גאָטס בעשעפּעניש, אַלע פֿון גרויס ביז קליין, האָבען אויפֿכאַפּענדיג זיך פֿונ׳ם לאַנגען ווינטער־שלאָף לעבענדיג פֿרעהליך, זיך גענומען איטליכער צו זיין זאַך. פֿריש־געלע בלומען שטעקען אַרויס די קעפּלעך פֿון צווישען יונגען גרינען גראָז, קוקען אַרויס און מאַכען חן. ווערבעס ביים טייך כאַפּען זיך אָנטון זייער ניי־גרינע זופּיצע, שפּיגלענדיג זיך אין דעם וואַסער ריין קלאָר ווי זילבער. פֿון די ווייטע וואַרמע לענדער, דאָרט אין דער פֿרעמד, קומען עופות טשאַטעסווייז צוריק אַהער אין זייער רוה אַריין. ווילדע גענז פּליסקען זיך ערגעץ צווישען ווייספּעס דאָ אין טייך. ווילדע קאַטשקעס דרעהען זיך אַרום דעם טשערעט, אַרויס, אַריין מיט אַ געהילך, אַ געשווישטש. שוועלבעלעך פּלאַטערן, שוועבען אַהין, אַהער אין דער לופֿט שטאַרק פֿערטראָגען אין דעם בויען, פֿעריכטען נייע און אַלטע נעסטער. ברוך־הבא; דאָס אַלטע בעקאַנטע פּאָר־פֿאָלק בושעלס איז אויך למזל דאָ אין אַ גוטער שעה. זי, די בושעליכע שטעהט אויף איין פֿוס, דאָס קעפּעל אין דער זייט, שטעהט בעטראַכט איהר אַלטע נעסט אויבען אויף אַ שפּיץ בוים, און

ער אויף די לאַנגע שטעלצען שפּאַצירט זיך האָפֿערדיג אויף דעם זומפּ דאָרט, צוקוקענדיג זיך צו אַ קאַליזשע, וואו עס שפּרינגען, קוואַקען זשאַבעס, און פּלוצים פּיק־פּיק, אַ כאַפּ אין דעם רויטען ווייטען פּיסק אַריין . . . ס'איז אַ לעבען, אַ פרייד, אַ פליהעניש, אַ זזשעניש, אַ געזינגערײ, אַ געשווישטשערײ אומעטום.

ס'איז יום־טוב, ס'איז ווסנע־צייט ! . . .

דאָס גאַנצע הויזגעזינד דעם אַרענדאַרס איז אַצינד אין דרויסען. הנא זיצט צעשפּילעט אויף דער באַנק נעבען דער שטוב, קוקט אויך גאָט'ס שען וועלטעל און געהנעצט . . . ער האָט, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, באַלד נאָך מיטאָג גע־כאַפּט אַ דרעמעל. די עלטערע קינדער אַרום איהם שטעהען און שמועסען תוך־זאַכען : וועגען אַ גרעבליע, וואָס עס האָט ערגיץ נישט ווייט פון דאַנען אָבגעריסען ; וועגען דעם פאָהרען אַהין אין שטעדטעל מאָרגען פריה, איינצוקויפען דאָרט פאַר דעם פּרייז און אויך פאַר זיך נויטיגע זאַכען ; וועגען דער שקאַפּע, אַ זקנה פון אַ יאָהר דרייסיג, בלינדליך אַביסעל, וואָס ליגט, מחילה, צוליינגט אויפ'ן גרינעם גראָז אַקעגען, קויקעלט זיך און גלייכט זיך אויס די אַלטע קראַנקע ביינער, וכדומה נאָך אַזעלכע וויכטיגע זאַכען אין דעם בעל־הבית'ישקייט. די יונגערע לויפען אַרום פרײ און זענען שטאַרק בעשעפטיגט : אַ טייל שטעהען אויפ'ן בריקעל נעבען דער מיהל, קוקען ווי דאָס וואַסער לויפט דורך די אָפענע זאַסטאָווקעס, פאַלט אין איין גוס, ווי איין שטיק גלאָז, אַראָב טיף אונטען מיט אימפעט, מיט גערויש, און צעשפּרינגט אין טויזענטער קליינע שפּריצלעך, שפּילענדיג אַקעגען דער זון און אַלערליי קאָלירען, ווי בריליאַנ־טען. ווידער אַ טייל שטעלען אונטער שיסעלעך נעבען

בערעזענע בוימער, פֿון וועלכע עס רינט, דורך אַ געמאכט שפּעלטעל אין זיי, אַ געשמאַקער, קלאָרער זאַפֿט. אלע זענען פֿרעהליך, זעהען אויס יום־טוב׳דיג. צוציק, דער הונד, אַ דיקביי־כיגער מיט קורצע פֿיס און שוואַרצע פֿלעקען אויף דער שמוציגער ווייסער פֿעל, איהם פֿרייט זיך אויס דאָס האַרץ פֿיהלט אויך, אז היינט איז יום־טוב. ער האָט היינט ניש׳קשה געכאַפּט שיריים אונטער דעם טיש, אבגעלעקט אַ ביין. ער פֿעררייסט דעם ווידעל, טאנצט, שפּרינגט משוגע׳נערווייז אַהער, אַהין, אונטערפּישטשענדיג עפּעס אויף א מין משונה הינטיש קול.

אזיף א פֿריי־גרינעם פּלאַץ אין וואַלד הונטער דער שטוב, זיצט אויף א שטיק קלאָץ פֿון א גרויסער אומגעפֿאַלענער סאָסנע חנא מליניצער׳ס וייב, א שענע בעטאָגטע יודענע, אינאיינעם מיט איהר טאָכטער, א ווייבעל פֿון עטליכע און צוואנציג יאָהר. אקעגען אויפֿ׳ן גראָז זיצען אנגעלענט צוויי קינדער איהרע — א מיידעל, א שענהייט, א בלאָנדינקע מיט געקרויזטע לאָקען פֿון א יאָהר פֿינפֿצעהן, און א יונגעל מיט א פּאָר יאָהר יונגער פֿון איהר. ס׳איז עפּעס גאָר ניט דער פּנים דאָס אויסזעהן ביי די דאָזיגע דאָ ווי ביי יענע דאָרט פּאַר דער שטוב. יענע און די זענען עפּעס ווי אנדערע מענשען. יענע זענען אויפֿגערוימט, יום־טוב׳דיג און די זענען פֿעראומערט, פֿער־זאָרגט, זיצען עפּעס ווי תשעה־באב צו די קינות. די מאמע און די טאָכטערביידע זעהן אויס שטאַרק צעטראָגען. ביידע האָבען אויפֿ׳ן האַרץ זעהר פֿיעל און שטיקען זיך מיט א ווארט, איינע וואַרט, די אַנדערע זאָל אנהויבען צו רעדען.

„נו, לאה! — האָט לסוף נאָך א היבשער צייט שווייגען די מאמע גלייך ווי אין דער וועלט אריין אַ זאָג געטון —

זענען מיר שוין, ברוך־השם, דעם יום־טוב אויך איבערגעקומען, נו וואס ווייטער, לאה?"

„ווייטער איז צרות, די אלטע צרות. אזוי, אזוי, מארגען, פאהר איך, מאמע."

„אז דו וועסט בלייבען צוגאסט נאך א פאר טעג, לאה וואס קען עס די ארען?" — זאגט די מאמע אין די אויגען פערלויפען איהר מיט טרערען.

„איך קען נישט, איך קען נישט", ענטפערט לאה. א מאך געבענדיג מיט דער האנד.

„זי קען נישט! — מאכט די מאמע בעוואשענדיג זיך מיט טרעהרען — ס'איז איהר ביטער שווער געבען דער מאמע!..."

„זעהסט דאך, מאמע, אז איך בין צו דיר געקומען."

„געקומען, זאגט זי... יא דו ביסט געקומען, א שענעם דאנק דיר. גאר... דאס מאמע'ס הארץ פיהלט — פיהלט, אז דער טאכטער איז שווער. זי זיצט דא ווי אויף שפילקעס. זי שווייגט און די אויגען איהרע רעדען, איטליכער בליק איז א שטאך, איטליכע מינע איז פול מיט פעדדראס' ביטער ווי גאל, געוואלד. איך האלט עס נישט אויס, עס שניידט מיר ביז אין דער זיבעטער ריפ."

„מאמע!..."

„וועה איז דער מאמע, וואס האט די וויסטע מאמע גע־קענט טון, בעסער מאכען? ס'איז מיר אויסגעקומען כאטש לעגען זיך, שונא־ציון, און שטארבען, אויסגעהן פאר הונגער און וואס וואלט געווארען פון די ברעקלעך קינדער?"

„און היינט, וואס וועט היינט פון זיי ווערען?" מאכט לאה, מיט א זיפץ פונ'ם הארצען.

„היינט? ווי די מעשה איז, אײדעל איז א כלה און דוד׳ל . . ."

„איין איבערבײנדעל, א בילמע איטליכען אין די אויגען... און אײדעל, מ׳שטײנס געזאָגט, איז אַ כלה! ס׳איז נאָר א װעהטיג צוהערען . . . אײדעלע, װאָס איז דיר? טוט זיך לאה אראפּ צו דער שװעסטער׳ל, װאָס האָט פּלוצים זיך א קרום געטון און בלײך געװאָרען װי די װאַנד — דיר איז נישט גוט, טוט װעה? װײטער אין דעם האַרצען? . . ."

נישקשה, לאה, גאָרנישט, גלאַט אַזוי זיך אַ שטאָך."

„געה, נשמה, — רופט זיך אָן די מאמע — געה אין שטוב אריין און לעג זיך צו, געה, דוד׳ל, מיט איהר און דעק זי דאָרט גוט איין מיט מיין שאַל."

ביידע קינדער הויבען זיך אויף און געהן אװעק אומעטיג מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ.

„שענע תכליתים! אײדעל, איז אַ כלה, יאָ נעבעך אַכלה. א װיסטע כלה! — זאָגט לאה בעטריבט, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ — א יונגע רויז, ערשט אָנגעהויבען בליהען און שוין פערדאַרט . . .

„לאה איך האַלט עס נישט אויס! א האַרץ האָב איך פול מיט מכות און דו שיטסט מיט נאָך זאַלץ אויף די װאונדען, געװאַלד װאָס בין אין שולדיג, װאָס האָב איך געקענט טון? געװאַלד רחמנות, האָב רחמנות!

נו, געװוּג, געװוּג, מאַמעניו! . . . קום בעסער זעהן, װאו איז ערגײץ שלמה, װאָהין װערט ער עס אַזוי אָפּט עפּעס װי פערפאַלען?"

„זאָל איך אַזוי װיסען בײז, דעם היינטיגען װינטער, װאָס ער איז דאָ ביי מיר, האָט ער פערבראַכט אין לערנען, פלעגט

אויפֿשטעהן פֿאַרטאָג לערנען גמרא פֿאַר זיך, און ביי טאָג — מיט די קינדער. די מאַמע האָט גאָר אָנגעקוואָלען פֿון אַזאַ זוהן. דאָס האַרץ האָט מיר זיך געפֿרעהט קוקענדיג אויף איהם. די לעצטע צייט אָבער איז ער עפּעס ווי איבערגעביטען געוואָרען. די גמרה אין דער זייט, תמיד פֿערטראַכט, שרייבט, טענ־טעלט אַזוינס. איך זאָל אזוי וויסען פֿון דער, וואָס ער טענדעלט אזוינס. און זינד ס'איז וואַרם געוואָרען, עס האָט אָנגעהויבען אומעטום צו וואַקסען, צו שפּראָצען, בלאָנקעט ער זיך שטענדיג איינער אַליין אין וואַלד ארום. אַלץ פֿערטראָגען, פֿערפֿלאַמט. טאָמער ווייסטו וואָס? איין מיטעל וואָלט געווען — התונה מאַכען, נאָר ער איז אָבער, אַ פּנים, א שלימ'מזל ...."

„און וואָס, מאַמע, זעהסטו עס אַרויס?"

„ס'איז אַ וועהטיג צו זאָגען. דריי כלות איינע נאָך דער אַנדערער האָט מען מיר גערעדט פֿאַר איהם. איך בין געפֿאָהרען זיי אָנקוקען. און וואָס לאָזט זיך אויס? איינע איז א בלינדע אויף איין אויג, די צווייטע מיט א צוגעפּלעטשטער נאָז און די דריטע הינקט צו אויף א פֿיסעל. דאָס מזל זיינס איז שוין, א פּנים אַזוי ... מילה התונה מאכען — נישט, וואָס דען־זשע? ווייטער אין די ישיבות אַריין, זיצען און לערנען דאָרט. דערפֿון וויל ער נישט הערען. לאָז מיך צורוה, זאָגט ער, מיט דיינע ישיבות, מיט דיינע תכליתים! גענוג געשוואַרצט דאָס פּניםן געגעסען טעג, גענוג געקוועטשט די באַנק, געריבען זיך. רייבע זיך ווייטער דאָרט ביז איך וועל מיך אויסרייבען און ווערען אַ שמאַטע — פֿע! גענוג אויסגעריבענע שמאַטעס ביי אונז אָהן מיר אויך ... דו הערסט א לשון אַ ביסעל פֿון א בחור, אַ זיבצעניעהריגען בחור! — שאַ, אָט געהט ער, אָט איז ער

אַליין, טאָמער וואָלסטו ווי א שוועסטער, געפּריוווט מיט איהם אַ רעד טון גלאַט אַזוי זיך.

אַ בחור'ל מיט שוואַרצע געגרייזעלטע האָר, אַ הויכען שטערען און ברענענדיגע אויגען ווייזט זיך פֿונ'ם וואַלד. ער לייענט געהענדיג עפּעס אַ ביכעל, שטאַרק פֿערטיפֿט אַזוי, אַז ער זעהט נישט, וואָס אַרום איהם.

„הא, וואָס איז עפּעס אַזוי פֿערטראַכט שלמה!" מאַכט די שוועסטער מיט א שמייכעלע, אָבשטעלענדיג איהם אויפֿ'ן וועג.

„אהא, לאה!" טוט זיך שלמה א כאַפּ און באַלד טאַקי קוקט ער אַריין ווייטער אין ביכעל.

עפּעס ביסטו העט־העט דאָרט, גאָר ניט אויף דעם עולם — זאָגט לאה, אַרויפֿלעגענדיג די האַנד איהם אויפֿ'ן ביכעל — וואָס איז, איך בעט דיך, ד אָ ר ט אַזוינס?"

„דאָרט איז נישט וואָס דאָ — — ענטפֿערט שלמה, אָנ־קוקענדיג די שוועסטער — דאָ איז צרות . . ."

אויס יום־טוב, שלמה! רופֿט זיך אָן לאה און אין די אויגען שטעלען זיך איהר טרעהרען — מאָרגען פֿאָהר איך, דאָס וואָס איז דאָ צו רעדען, לאָמיר רעדען היינט. קום."

די מאַמע געהט אונטער איין אויסרעד אַוועק אין שטוב אַריין, איבערלאָזענדיג די קינדער אַליין, און זיי, דער ברודער מיט דער שוועסטער, שפּאַצירען אַרום, אַהין־אַהער, ביידע אַריינ־געטון אין אַ ווייטען א ברייטען שמועס. און, ווי עס זעהט אויס, גאָר ניט אין קיין פֿרעהליכען שמועס.

דערוויייל פֿאַלט צו די נאַכט. שטילער, שטילער ווערט דאָס געוויש, דאָס געווירמעל אַרום און אַרום. איינס נאָך דאָס אנדערע צינדען זיך אָן שטערנדלעך אין הימעל. וואַלד און

פֿעלד שווייגט, אַלסדינג רוהט דאָרט. עס גלעט זיי, פֿערוויגט זיי דאָס מילדע ווארמע וועסנע־ווינטעל. דער סאָלאָוויי זינגט זיי אַ שען לידעל, זשאבעס קוואַקען, דערצעהלען זייערע אַלטע מעשיות — און גאָט׳ס בעשעפֿעניש שלאָפֿט. עס שלאָפֿט אונטער דעם שאָטען פֿון בוימער און טשערעט אויך דער טייך איבערגעדעקט מיט טומאַן. שא, שטיל, נאָר וואָס א מאָל טוט זיך א וואָרף פֿון אונטען א פֿיש און דערלאנגט איהם א פאטש.

ביי הנא מליניצער אקעגען איז דאָס גאַנצע הויזגעזונד אצינד אויף — מען פטר׳ט ארויס דעם פסח פֿון שטוב, און, דאָס אַרויס׳פטר׳ן איהם, האַק און פאַק מיט אלע זיינע כלים מאכט אָן אויף דעם יודענ׳ס נשמה עפּעס א מרה־שחורה. אַך, רבונו של עולם, וויפֿיעל חן עס ליגט אין דעם פסח׳דיגען פארוועך טאָפּ, אין דעם גרויסען בייכיגען בייטעל, אין די מאַקערטעס, פֿלעשלעך און גלעזלעך! דאָס אייגענע גלעזעל, וואָס אַלע נעכט פֿון א גאַנץ יאָהר איז אזעלכעס פראָסט א קעלישיקעל, הלילה הזה, די נאַכט פֿון פסח, איז עס א כוס... עס שיינט, עס רעדט עפּעס ווערטער, עס דערמאַנט א מאָל אויך אין אַלטע צייטען, וועלכע עס האָט איבערגעלעבט, און עס הערט זיך א גרוס אייניקלעך פֿון זיידעס, באָבעס . . . דער איבערגאַנג פֿון יום־טוב צו וואָך לאָזט זיך איבערהויפּט שווער פֿיהלען דעם יודען, נאָך שווערער נאָך איז איהם אויפ׳ן געמיט ביים געזעגענען זיך מיט דעם פסח — אוים פריץ, ווייטער א יאָך! . . .

מאָרגען גאַנ׳ץ פֿריה האָט פֿון מליניצא זיך געלאָזט א וואָגען, וועלכען עס האָט געשלעפּט מיט איהר כבוד אַליין די אַלטע ישקאפּע, וואָס איז געלעגען נעכטען צוּלעגט, מחילה, קויקלענדיג זיך פֿראַנק און פֿריי אויפ׳ן גרינעם גראָז. אויבען אין

וואָגען אויף פּעקלעך זאַכען מיט אַ גרויסער קישען זיצט לאה,
איינער פון חנא׳ס זוהן זיצט אויף דער קעלנע, מיט אַ בייטשעל
אין דער האַנד, גלייט אזוי זיך, פון יוצא ווענען נישט צו
בעליידיגען דערמיט חלילה די זקנה געבעך, וואָס איז כמעט
צוויי מאָל עלטער פון איהם און האָט נאָך דעם זיידען זיינעם,
עליו השלום, געפיהרט. זי געהט זיך איהר וועג געלאסען, העצ־
קענדיג זיך שען, פיין, ווי איהר שטעהט אָן, און צוציק דער
הונד לאָזט, ווי אַ טרייער געזעלען, זי נישט אָב: דאָ דרעהט
ער זיך איהר אקעגען, פלאָנטעט זיך איהר צווישען די פיס; דאָ
הענגט ער זיך איהר אויפ׳ן האַלז אונטערשפרינגענדיג און
אָנהאַווקענדיג איהר פולע אויערען, דערנאָך טוט ער זיך
הענדים־פענדוס אַ יאָג, פערלויפט איהר דעם וועג העט־ווייט
און שטעלט זיך ווארטען אויף איהר דאָרט, אויסשטעקענדיג
אַ צונג און מאכענדיג מיט די זייטען, שפילענדיג און העצקענדיג
זיך אַזוי איז דער וואגען אין אַ פּאָר שעה ארום אריינגעפאָהרען
אין ק... גלייך אויפ׳ן מאַרק.

קאפיטעל 2

צווישען דעם רינג הייזער אויפ׳ן מאַרק, דער שענסטער
פלאַץ אין דעם שטעדטעל ק... שטעהט אַ הילצערנע שטוב
מיט אַ גאניקעל, כמעט איין פּאַסאָן, איין געשטאַלט מיט די
אַלע אַנדערע הייזער דאָרט, נישט מעהר, וואָס זי איז אָבגע־
טינקעוועט, וויס אָבגעשמירט פּאָרענט אויף דער גאַס ארויס.
דאָס קליינשטעדטעלדיגע, אלטפּעטערישע לעבען איבערהויפּט
און דאָס געביי פון די הייזער איז, קען מען זאָגען, ווי דאָס

לעבען און דאָס בויען נעסטען ביי פֿייגעל. פֿראָסט אין שטייגער, איין שניט פֿאַר אלע גלייך. עס וועט גענוג זיין, פֿון א זכר וועגען, אָבצומאָלען איין הויז פֿונ׳ם רינג הייזער אין שטעדטעל ק... למען ידעו דורותיכם...

לאָזען קינדס־קינדער וויסען, אין וועלכע הייזער די זיידעס זענען געזעסען און האָבען אָבגעלעבט זייערע יאָהרען אינאיינעם מיט קינדער, קליינע און גרויסע און פּאָר־פֿאָלקען אויף קעסט!

ביים עפֿענען די טיר קומט מען גלייך פֿון דער גאַס אריין, אַזוי ווי מען שטעהט און געהט, אין א חדר, א גרויס, א לאַנגס, דער עיקר דירה, וואָס הייסט אייגענטליך שטוב. אין דער הינטערסטער וואַנד פֿון שטוב, אינווענינ אַקעגען־דעם אַריינגאַנג, פֿיהרט א טיר אין א פֿינסטער הויז, אָהן פֿענסטער, אָהן א באלקען — איין אָרט פֿאַר האָלץ וכדומה נויטיגע זאכען אין דעם בעל־הבית׳ישקייט און א מאָל איז עס אויך א שטאל פֿאר דער בהמה, בשעת די גרויסע פֿרעסט ווינטער אָדער ווען זי איז קעלביג, א שטייגער, און קען נעביך נישט נעכטיגען, ווי גע־וועגליך, אין דרויסען. ביי דער זייט פֿון דער דאָזיגער הינטער־טיר לינקס, שטעהט א גרויסער אויווען, אויף צו קאָכען און באַקען, און אונטער דעם פּריפּעטשיק איז דאָ איין אָרט (א קאטיך) פֿאַר עופֿות, וואָס לעגען דאָרט אייער און קוואָקען, וואָס נעכ־טיגען דאָרט ביינאכט, קריכען גאנץ פֿריה פֿון דאָרט אַרויס און שפּאַצירען זיך פֿריי אין שטוב אַרום, פֿול אין איטליכען ווינ־קעלע, אויף טיש און אויף בענק. הארט נעבען דעם אויווען שטעהט א רובע פֿון גרינע קאפּלעס, א הויכע א לאנגע מיט צוויי בענק: די פֿליישיגע און די מילכיגע באנק. אָט די דאָזיגע ביידע אויוועגס און א ווענטעל מיט טירלעך נאָך זיי, וואָס ציהען זיך איבער דער גאַנצער לענג שטוב, צעטיילען זיך אין צוויי

העלפֿטען, איין העלפֿט איז די הויפּט־דירה וועלכע איז דאָ גע־
שריבען, און די אנדערע בעשטעהט פֿון אַלקערל׳עך פֿאר זיך
און פּאר שכנים. אקעגען דער רובע הענגט פֿונ׳ם סופֿיט אראָב
א ליימע, קוימענדעל עפּעס ווי א מין גלאָק מיט צוויי דראָטענע
קייטעלעך, איינס א קעגען דאָס אנדערע, אונטען ביים ראנד, צו
וועלכען עס ווערט צוגעקייטעלט עפּעס א מין אייזערנע סקאָוואָראָדע
(א לוטשניק), אויף וועלכער עס ווערט צולעגט א פֿייער׳ל פֿון
דאַרע שפּענדלעך צו בעלייכטען אלע אָווענד די שטוב, חוץ
פֿרייטאָג צו נאַכט, וואָס דענסטמאָל ווערט עס בעלויכטען
פֿון חלב׳דיגע בענשליכט־אין מעשענע לייכטער אויפֿ׳ן טיש און
אין דעם זעקס־רעהרענדיגען קופּערנעם הענג־לייכטער אויבען
מיט איין אָדלער. דער דאָזיגער „לוטשניק" גיט, ווי די זון, ליכט,
וואַרימקייט דעם גאנצען הויזגעזינד און טראָגט אַריין פֿרעהליכקייט,
לעבען אין שטוב. אַרום איהם פֿערברייגגט מען די ווינטער־
נעכט אין געזעלשאַפֿט מיט עפּעס אנ׳ארבייט, אָדער גלאט אַזוי
זיך א געשפּרעך. ווייבער, היימישע און אמאָל אויך איינע
אדער אַ פּאָר נאָהנטע שכנות אין דערמיט, זיצען זיך אויף דער
פֿליישיגער, אויף דער מילכיגער באַנק, פֿליקען פֿעדערען און
בערעדען די וועלט. שבת צו נאַכט ווערט צוגערוקט אַ טיש,
מען לייענט פּאָר פֿון „ספר הישר", פֿון „גדולת יוסף" — און
מען עסט געקאָכטע קארטאָפֿלעס. חנוכה שפּילען די קינדער
אין דריידעל, די עלטערע אין קאָרטען — און מען עסט
לאַטקעס. און גלאט אַזוי א נאַכט, ווען מען פּרעגעלט שמאַלץ
זיצט מען אויפֿגערוימט, דערצעהלענדיג מעשיות — און מען
עסט גריוועז.

אויך לאָזען די קינדס־קינדער וויסען, אַז אויף מעבעל
האָבען די זיידעס זיך שטארק נישט אויסגעבראַכט. א זיידענס

שטוב איז אויסגעשטעלט געוועגטליך אַזוי: לאַנגע הילצערנע בענק ביי די ווענד, אובענאָן אַ לאַנגער פּיערפּיסיגער, רויטגע־פאַרבטער טיש, שוואַרצע און ווייסע קעסטלעך, איינס איבער דאָס אַנדערע געהיפּערט, אין דערמיט טיש אויף צושפּיעלען און דאַמקעס. דאָרט אין אַ ווינקעל פון דער העלפט וואַנד ביז צו דער סטעליע, שטעהט פעסט איינגעפּאַסט אַ ווינקעל־שאַפקאַלע מיט געגלייזטע טירלעך, פון וועלכע עס קוקט אַרויס אַ בעכער מיט קידוש־גלעזלעך, אַ הדס׳ל פון דראָט־אַרבייט, אַ חנוכה־לעמפּעל, אַ פּושקעלע פאַר דעם אתרוג סוכות, אַ מייער־קעפּעל אויף־הידושים, אַ טאַץ מיט שעלעכלעך אויף אײַנגעמאַכטס, טעמ־בעקאָווע און וואַרשאַווער־זילבערנע לעפּעל. גאַנץ הויך אויף דער וואַנד הענגט אַ שפּיגעל, אין וועלכען ס׳איז נישט מעגליך זיך אָנצוקוקען ביז מען שטעלט זיך נישט אויף אַ ביינקעל, און נאָך אַלע מיה זעהט מען אין איהם אויס גרין און געל מיט געשוואָלענע באַקען פון ציינוועהטאָג. ס׳איז זיך גלאַט אַזוי אַ שפּיגעל פון שענקייט וועגען, נישט חלילה צו שפּיגלען זיך. פּע!... דערפאַר אַז מען איז שוין אַרויף אויפ׳ן ביינקעל, זעהט מען כאָטש דאָס געמעל אויף די פּאָרטרעטלעך, וואָס הענגען איהם ביי די זייטען: עפּעס אַ יוד אַ גאון אין טלית און תפילין, אַ מין יענעראַל אויף אַ פערד, האַלב צוביסען פון פליגען, אויך אַ „מזרח“ מיט צאַצקעלעך און משונה ווילדע היות, וואָס זענען נאָך לעת־עתה אין אונזערע לענדער נישטאָ.

אויך לאָזען קינדס־קינדער וויסען, אַז אַ זיידענס שטוב אין דעם שטעדטעל ק... איז מסוגל צו אַלע מינים בעדערפ־ניש אין דעם מענשענס לעבען. אַ הויז וואָס זי דינט פאַר אַ קיך, פאַר אַנ׳עס־צימער, אויך פאַר אַ שלאָף־צימער, וואו מען שלאָפט אויף צונויפגערוקטע בענק ביי די ווענד און ביי די

אויוועגס, איז נאָך אין איהר געוועגטליך דאָ א שיינקעל אויך. אַ גאַנצע וואָך, פאַר דעם ביסעל שטאָדט־גוים, דלפנים, איז דאָ נאָר בראָנפען און ביינעל: בשעת די ירידים אָבער אין די מאַרק־טעג, איז שוין אויסגעשטעלט פון פויגעל־מילך: געקאָכטע אייער, שטיקלעך לעבער, הערינג און פיש מיט דרילעס אויך. ווינטער בשעת די קאָליאַדעס זייערע, פערקלייבען זיך אַהער אַלע אָווענד אויסגעפוצטע שיקסעס מיט בחורים־שקצים אַ פולע שטוב. אַזוי איז שוין פון אייביג אָן געשטעלט. זיי זיצען קנאַקען ניס, בלאָזען זיך, לאַכען, פלוידערן, זינגען, שטיפען און פערזיצען זיך שפעט ביז מען שפריצט זיי אָב מיט וואַסער און שטופט זיי ארויס. אַזוי איז אויך שוין פון אייביג אָן געשטעלט. און ווען די שטוב טויג פאַר א טעאטער, אַ פשיטא שוין טויג זי פאַר אַ קאַזאַרמע. קיין בעסער אָרט אויף צו מושטירען סאָלדאַטען ווי אין דעם ויידענס שטוב ווינטער אין די אָווענדען איז גאָר נישטאָ, ס׳איז וואַרם, ס׳איז ליכטיג, מען זעהט ווי צו געבען — אַ פאַטש...

אָט אַזאַ מין שטוב איז אויך יענע אָבגעטינקעווטע צווישען דעם רינג הייזער, וואָס האָט אָנגעהערט צו ר׳ חיים׳ן, — אַ שענער געהויבענער בעל־הבית, אַ פאַרנעם אין דעם שטעדטעל.

צו זיין אַ שענער יוסטער בעל־הבית אין ק... גענוג געוועז צו האָבען אַ שטוב, אַ קוה און עפעס אַ שטיקעל פרנסה דערצו, אָבער צו זיין אַ פאַרנעם, געאַכט, געליעבט, איז קאַרג אַ רייכקייט, אַפילו אַ סך אַ גרעסערע דערפון. אין דער ליטאָ א מאל, היינט אפשר שוין נישט אַזוי, האָט מען געלעגט כבוד נישט אַזוי אויף געלד, ווי אויף תורה, אַ גראָבער יונג אַ רייכער בלייבט נאָך אַלע זאַכען פאָרט טאַקי א גראָבער יונג,

ווי דעם עולם'ס ווערטעל טאַקי: פֿון אַ חזיר'שען עקעל קען מען קיין שטריימעל נישט מאַכען. שפּרינגען אויבענאָן, זאָגען דעות — דאָס ליגט שוין אַזעלכען און זיין גלייכען בטבע, זינט די וועלט איז בעשאַפֿען געוואָרען, מען מוז נאָך אפשר אמאָל צוזעהן אַזוינס, הערען און שווייגען, גאָר געמען אַניעדער־זעצען אַזעלכע אויבענאָן און קוקען זיי אין מויל אַריין מיט'ן גוטען ווילען, ליעב האָבען זיי באמת פֿונ'ם האַרצען — אָ, ניין, זוכה זיין דערצו, בעדאַרף מען זיין אַ למדן, גוט און פֿרום, האָבען זכות־אבות. יחוס איז נישט דאָס בייטעל, נאָר דער קאָפּ, דאָס האַרץ. אָט אַזוי איז אין דער ליטאָ איבערהויפּט, בפרט נאָך אין דעם שטעדטעל ק... אַנ'אָרט פֿון תורה פֿון אייביגע יאָהרען, וואו די איינוואוינער זענען כמעט אַלע לומדים, וואו דער בית־המדרש, דער קלויז איז פֿול מיט בעלי־הבתים און בעלי־הבית'לעך, וואָס זיצען און לערנען, אויך מיט ישיבה־בחורים, פּרושים · פֿון דער פֿרעמד, וואָס פֿערלאָזען ווייב און קינד, קנייטשען די גמרא און עסען טעג; וואו אַלע פֿאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, פֿערקלייבען זיך אַרום בעזונדערע טישען בעלי־מלאכות און נאָך אַנדערע פֿונ'ם עולם, צו הערען אַ גוט וואָרט פֿון די פֿאַרזאָגער דאָרט — ביי איין טיש „מדרש", ביים צווייטען „עין־יעקב", ביים דריטען „פּסוק", ביים פֿערטען „חובת־הלבבות" וכדומה אַזעלכע הקירה און מוסר־ספרים; וואו שבת און יום־טוב ווערט פֿונ'ם בעל־מימר, נעבען דעם ארון־קודש, געזאָגט פֿלאַמענדיגע דרשות, וואָס צינדען אָן דאָס האַרץ פֿון די כנסת־ישראל מיט הייליגער ליעבע צו דער שכינה, וואָס זענען געווירצט מיט טרייסט־ווערטער פֿון די נביאים, מיט משלים, קלוגע, שאַרפֿע גלייכווערטלעך פֿון די חכמים, מיט אַ קול, מיט אַ ניגון, וואָס דערקוויקט, צוגעהט זיך אין אַלע

אברים. אין אזא שטעדטעל אז מען איז זוכה צו זיין א פארנעם, מסתמא איז עס ניט אומזיסט. מסתמא איז מען גוט, פרום און געלערנט, מיט אלע מעלות.

און ר' חיים האָט די אַלע מעלות אין זיך געהאַט. מען קען זיכער זאָגען, ווען ר' חיים'ס „פּאָנדיש", זיין גאַנץ פערמעגען ביי זיך אין שטעדטעל וואָלט ערגיץ אַנדערש זיך אנגעזעהן ווי גאָרנישט, אַקעגען־זישע וואָלט, דער אייגענער ר' חיים מיט זיינע מעלות און אַ גרויסער שטאָדט געוואַקסען, געווען פיעל מאָל גרעסער, נאָך געהויבענער.

נאָך אין די רעכטע יונגע יאָהרען, ווען אַנדערע, נישט קיין יודישע קינדער, טראַכטען ערשט חתונה האָבען, איז שוין ר' חיים געוואָרען אַ זיידע און שרה זיין ווייב אַ באָבע למזל. לויט דעם חשבון יאָהרען, גערעכענט צוריק, פונ'ם זיבעטען קינד לעת־עתה ביז דעם עלטסטען זוהן, שוין אַ טאַטע, אויף קעסט נאָך דערוויל, האָט ר' חיים חתונה געהאַט, אַ פּנים, זעהר פריה, כמעט נאָך גאָר אַ קינד. עס האָט געהייסען, ווי שרה פלעגט ליעב האָבען אָפּט צו דערצעהלען, אַז זי איז נאָך געווען א קליין מיידעלע און ער, דער מאַן, אַ קליין יונגעלע, האָט מען זיי פלוצלים אָבגעשטעלט אַ חופה, אין דער בהלה, נישט היינט געדאַכט. נאָר ווען בהלה, וואָס בהלה? — דאָס מאַכט אַ יודען נישט אויס, אַזעלכע, אָדער אַזעלכע, אַלץ איינס. ווער קען זיך זיי אַלע אָנגעדענקען ?! מעגליך, אַז דאָס איז געשעהן בשעת דער גזרה, מען זאָל נעמען יודישע קינדער פאַר רעקרוטען. דענסטמאָל האָבען יודען זיך געקליגט, און כאַפּעניש אין איילעניש אָבצושטעלען חופות ברעקלעך קינדער. גאַנץ שכל'דיג אַזוי: ווי באַלד אַז דו, שנעק איינער, קענסט זיין אַ ועלנער, קענסט דו דאָך זיין אַ בעל־הבית אודאי!...

ר׳ חיים איז געווען, ווי מען זאָגט, אַ צו גאָט, אַ צו לייט. זיין צייט איז געווען אָבגעגעבען צו דער פּרנסה, צו תורה און אויך צו שטעדטישע זאַכען. יאָהרענלאַנג אַוועקגעווען א קאַזאָנער רב דאָרט, נישט בעלוינט צו ווערען דערפֿאַר. פֿלעגט אויך זאָגען אומזיסט אַ שיעור גמרא מיט פּוסקים פֿאַר יונגע לייט. זיין הויז איז געווען תמיד פֿול, דער אריין, יענער אַרויס. קיין זאַך האָט זיך נישט געטון אָהן איהם, וואו ערגיין א שפּאַרעניש, אַ לאָדעניש איז ער געווען דער פֿערמיטלער. בשעת עפּעס אַ נויט אין כלל־זאַכען פֿלעגט מען אָנקומען צו זיינס איין עצה און וועגען אַלסדינג מיט איהם זיך מישב זיין.

נאָר צו וואָס אַ ים ברייען? איין סצענע דאָ, למשל, וועט זאָגען בעסער פֿון אַלע ווערטער. שאַ!...

קאַפּיטעל 3

ס׳איז ווינטער, שבת־צונאַכט, נאָך הבדלה. אויפֿ׳ן „לוטשניק" אונטער׳ן קוימענדעל, ברענט פֿרעליך אַ פֿייער׳ל, וואָס פֿון צייט צו צייט ווערט עס אונטערהאַלטען מיט דינע טרוקענע שפּענד־לעך. דעם פֿייער׳ל אַקעגען, ביי אַ טיש, צוגערוקט צו דער וואַרימער רובע, זיצט דאָס הויזגעזונד, א שכנה פֿון דער צווייטער שטוב, פֿול מיט נייעס ווי אַ פּויק, איז אויך דאָ, מען וואַרפֿט זיך איבער מיט אַ וואָרט און מען פֿליקט פֿעדערען. דערביי טאַקי לייענט איינער פֿון די קינדער פֿאַר די מעשה פֿון יוסף הצדיק מיט די ברידער אויף עברי־טייטש. מען האָט הנאה, מען וואונדערט זיך אויף דער גבורה פֿון יהודה — פֿון זיינס אַ געשריי ווערט שיער נישט א תל פֿון גאַנץ מצרים;

די קאַך זיצט צושאַרענדיג זיך צום אויווען, לעקט אַ קאַפּקעלע, מאַכט מיט די אוירלעך און האָט, ווי עס זעהט אויס, אויך הנאה. אין אויווען הייצט זיך, עס קאָכט זיך וועטשערע, נאָר קודם־כל זידט דאָרט אַ טעפּעל קאַרטאָפלעס אויף איבערצו־באַפּען דערוויל. ר׳ חיים געהט הין און צוריק איבער דער שטוב, נאָך אין דער שבת׳דיגער קאַפּאָטע און זינגט זיך „אליהו־הנביא״ מיט גרויס געפיהל. און ווי ער לאָזט אויס דעם סוף „במהרה יבוא אלינו״, גיך און באַלד קומט ער צו אונז, עפנט זיך די טיר און לייטישע מענשען פונ׳ם שטעדטעל קומען אַריין — אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָהר!

און דאָס פערשטעהט זיך אַליין, אַז לייטישע מענשען גיבען איינער דעם אַנדערען אָב כבוד ביים אַריינקומען, האַל־טענדיג אַ שעה אָפען די טיר אַפילו ווינטער, גאָר אומצוקומען דערוויל אין שטוב פאַר קעלט, אַזוי אויך ביים זעצען זיך. ס׳איז אַוועק היבש צייט אין רוקעניש און ווינקעניש, און בעטעניש, פלאָנטענדיג זיך דערוויל דעם יענעם אונטער די פיס, ביז די לייטישע מענשען האָבע זיך לסוף אויסגעזעצט. שרה איז מכבד די געסט גאָר פריינד־ליך מיט טרונקען „שפּעציעס״ — מיני קרייטעכצער, וואָס כפרה פאַר זיי טיי — און מיט שטיקלעך קאַנדעל־צוקער, וואָס אַ כפרה דערפאַר הייטיגער צוקער ... מען זיצט זיך, מען בלאָזט און מען טרינקט, איינער פערויכערט זיך די פּיפּקע — אַ פּאַרצעלייען לולקעלע מיט אַ זילבערן דעקעל און אַ לאַנגען געפלאָכטענעם ציביק, אַ פּאָר הוסטען זיך אויס, טאַפּען זיך ביי די נעז, ביי די בערד און עס הויבט זיך אָן אַ שמועס, אַהין־אַהער, דאָס אַ ביסעל, יענס אַ ביסעל ביז מען קומט אַרויף לסוף אויף אַזאַ שמועס!

„אָך־כאָ־כאָ, די גזרה פון די קליידער איז דאך טאַקי אַ מיאוסע זאַך! — מאַכען אַלע מיט אַ זיפץ — יודען זאָלען

זיך אָנטון דייטש: אַ קאַרטוז מיט אַ דאַשיק... ס'איז דאָך עפּעס משונה אַ שרעק! און געוואַלד צו וואָס, רבונו־של־עולם, צו וואָס?!... וואָס קען „זיי" דאָרט, זיי וואָס קען אַרויס־קומען דערפון, אַז יודען וועלען זיך שוין אָנטון דייטש?... עס מוז דאָך עפּעס אַליין זיין מיט אַ גאַנג."

„מען שמועסט, דרינען שטעקט אַ שפּיצעל — רופט זיך אָן מיט אַ קנייטשעלע יענער פון פּיפּקעלע, פּערציהענדיג זיך שטאַרק און אַרויסלאָזענדיג פונ'ם מויל רינגעלעך רויך — וואַקסען זאָל ער נאָר וואַקסען... פון וועמען מיינט איהר? — פון מאָנטעפיורען!"

„גאָט איז מיט אייך, ר' בער! וואָס רעדט איהר?"

„אָט דאָס וואָס איהר הערט. אָבער ר' ברוך הלל'ס מעג מען גלויבען? ער קומט ערשט פון די ירידען און האָט דאָרט מיט זיינע אייגענע אויערן..."

„איך האָב אויך עפּעס אַזוינס געהערט — פאַלט אַריין אין די רעד אַ רייהרעווודיגער צאַפּענדיגער יוד, פערבייסענדיג אַ ליפּ — האַ, וואַרט, וואָס האָב איך געהערט?"

„שלאָגט נישט איבער, ר' יוסעל — מאַכט דער עולם — שאַ!... אַ־נו, ר' בער."

„מען שמועסט, הייסט עס — הויבט אָן ר' בער געלאַסען, פּאַמעליך און קייעט איטליכעס וואָרט ביז ער ברענגט עס אַרויס פון מויל — אָט וואָס: אַז מאָנטעפיורע האָט געזעהן ס'איז פּע... איז ער געקומען מיט אַזאַ פּראָיעקט: אדוני מלך, זאָגט ער, פערקויף מיט דיינע יודען. איך וועל געבען פאַר זיי אַזוי פיעל און אַזוי פיעל מיליאָן."

„הונדערט טויזענט, האָב איך געהערט, הונדערט טויזענט מיליאָן! — פאַלט ר' יוסעל ווייטער אין די רעד אַריין. גע־

מיינט דערמיט נישט אזוי די סומע געלד, ווי ארויסצווייזן דא דעם עולם, אז ער ווייסט אויך, וואס טוט זיך אויף דער וועלט, נישט ערגער פון אנדערע."

„מילא וואס מאכט עס אויס — טוט ר׳ בער א זאג פאר־דרעהענדיג מיט דער נאז און דערצעהלט ווייטער — מהיכא־תיתא! ענפערט דער מלכות בקיצור, מען מאכט באלד טאקי א תקיעת־כף און מאנטעפיורע גיט דערווייל אנ׳אדרויף.

„חלילה, הונדערט טויזענט מיליאן באלד טאקי, באלד במזומנים — צושאקעלט זיך ר׳ יוסעל, ווי ביי שפארען זיך מיט עמיצען איבער א שטיקעל גמרא."

„אי, זייט־זשע מוחל ר׳ יוסעל, שא! בעטען איהם אלע מחילה, עס זאל שווייגען."

„בקיצור, ער גיט דערווייל אנ׳אדרויף — דערצעהלט ר׳ בער ווייטער, רוהיג געלאסען, נישט מאכענדיג זיך אויס ר׳ יוסעל׳ס רייד — והמותר איז ער זיך מתחיב סילק׳ן צום טערמין ביים נעמען די סחורה — די יודען הייסט עס. דערמיט איז מען זיך צוגאנגען, זיי געזונד — פאהר געזונד! נאך אנבייסען געהט זיך דער מלכות, ווי דער שטייגער איז, אין סענאט און איז שטארק אויפגעראמט. — אדוני מלך, פרעגט איהם דער מיניסטער, וואס איז די מעשה, וואס דו ביסט היינט עפעס אזוי אויפגעראמט? — אזוי און אזוי, ענפערט דער מלכות מיט א שמייכעלע, געמאכט א געשעפטעל, פאר אזוי פיעל פערקויפט היינט מיינע יודלעך. — אדוני מלך! טוט זיך א כאפ דער מיניסטער זעהר דערשראקען, וואס האסטו געטון? ס׳איז א מקה טעות! ... און באלד טאקי פיהרט ער איהם ארויס פון די קאנטארסקע ביכער א קלארען חשבון, אז דאס פראצענט, וואס אזא סחורה — יודען הייסט עס, טראגט

אין אַ געוויסע צייט יאָהרען איין, טרעפט העט־העט מיט א שמיצעל אַריבער דעם מקח פאַר דער גאַנצער סחורה. וואָס־זשע טוט מען? מאַכט דעם מלך. גערעדט איז דאָך גערעדט און פון מלכות אַ וואָרט איז דאָך אַ גזרה. אַדרבה זאָג, האָסט דאָך א קאָפּ פון א מיניסטער, פאַל עפּעס אויף אַ הסברה. — אדוני מלך! רופט זיך דער מיניסטער אָן, נאָכדעם ווי ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט, ס'איז דאָ איין עצה. גיב אַרויס אַ בעפעהל׳ אָבער טאַקי באַלד, יודען זאלען זיך אָנטון דייטש. גראַם־שטראָם! מאַכט דער מלכות, וואָס איז שוין דאס דערמיט? — ס'איז רעכט! זאָגט דער מיניסטער האַלב עפּעס אויפ'ן ווינק — ווי באַלד דייטש, איז דאָך שוין פערשטעסטו מיך, גאָר עפּעס אַנדערש... מיט דיר איז דאָך גענוג אויפ'ן ווינק — אַ־אַ שכל'דיג! גיט זיך דער מלכות אַ כאַפּ, דו ביסט ווערט פאַר דער עצה אַ גילדענעם מעדאַל. — הערט־זשע רבותי, דעם שפּיץ — מאַכט ר' בער, נעמענדיג זיך אויסרייניגען מיט אַ דרעטעלע דאָס פּיפּקעלע פונ'ם אַש — אַקוראט צום טערמין קומט מסתמא מאָנטעפיורע".

„ניין, נישט אַזוי, ער קומט נישט, ער לאָזט פריהער מעלדען — קען זיך ר' יוסעל נישט איינהאַלטען, צעשאָקעלט זיך און פאַלט ווידער אַריין אין די רעד".

„שאַ, זייט זשע מוחל! האַלט זיך איין אַ ווײַלע און שלאָגט נישט איבער, ר' יאָסעל! — בעט דער עולם, וואָס איז זעהר ציקאַווע צו הערען דעם סוף — נו ר' בער, נו־נו".

„קומט ער, הייסט עס — הויבט ר' בער אָן ווייטער דעם שמועס, ציהענדיג די ווערטער ווי יענעם אויף צו להכעיס און שמאָכענדיג פאַר הנאה — קומט ער, אַזוי ווי איך זאָג אייך דאָ, צום טערמין און מאַכט כהאי לישנא: אדוני מלך! נאַ

דאָס מותר געלד און לאַמיך, כפי השליש־צעטעל, נעמען די ס ח ו ר ה — יודען הייסט עס. — אָך ! מאַכט דער מלכות, מהיכא־תיתי . . . געה דיר, זיי מוחל, און וואו דו וועסט דערזעהן אַ יודען, נעם דיר איהם, בשם אלהי ישראל, די סחורה דיינע...
מאָנטעפיורע לאָזט זיך לאַנג נישט בעטען און געהט. ער געהט אין איין שטאָדט — נישטאָ, נאָך אין אַ שטאָדט — נישטאָ, בקיצור אין בערדיטשוב — אויך נישטאָ, קיין סימן אפילו נישט פֿון אַ יודען. אַלע יודען זענען אַנגעטון דייטש — דייטשען".

„אָוואַ, אָוואַ ! — מאַכט דער עולם פערוואונדערט — אַזוי, זאָגט איהר, אַזוי שמועסט די וועלט !"

„עט ! — מאַכט ר' חיים מיט אַ שמייכעלע — נישט תמיד איז אמת, וואָס טראָגט זיך אַרום אין דער וועלט, ס'איז זיך אַ ממרא . . ."

„אַזוי צו אַזוי, דערווייל איז שפּל — זאָגט דער עולם מיט אַ קרעכץ — די גזרה איז דאָך טאַקי אַ גזרה ! מילא די קאַפּאָטע יאַק קאַפּאָטע, וועט מען אין איהר מאַכען אַ האַק, דער גוטער יאָהר וועט זי נישט נעמען מיט אַ שפּאַלט פֿון הינטען אויך, אָבער אַ קאַרטוז — רבונו־של עולם, אַ קאַרטוז !...
ר' חיים, פּאַלט עפּעס אויף איין עצה, האַ, וואָס טראַכט איהר, ר' חיים ?"

„איך טראַכט — ענטפערט ר' חיים נאָך עטליכע מינוטען שווייגען, רייבענדיג זיך דעם שטערן — איך טראַכט, וואָס פּאַרט האָבען אין אַ נויט די חכמים מיט זייער הכמה נישט געמאַכט. מען טאָר אַ שטייגער שבת נישט טראָגען, נאַ ציה איבער אַ שנירעל און טראָג. מען טאָר נישט נעמען פראָצענט, נאַ דיר היתר־עסקא און נעם ! — ס'איז דאָ איין עצה, יודישע קינדער,

זאָגט מיר, רבותי, וואָס איז אַזוינס אַ קלאַפּאָווע היטעל (אַ חצי שבת׳ל)?"

„וואָס הייסט? — וואונדערן זיך אַלע אין איין קול — אַ יודיש קלאַפּאָווע היטעל איז אַ קלאַפּאָווע היטעל, אַ וואָכענ־דיג היטעל מיט קלאַפּען! פון ביידע זייטען האָט עס אויפגע־שטעלטע, מיט קליאָטשע אנגעשטאָפּטע קלאַפּען, פון רויכוואַרג, פערשטעהט זיך, און פאָרענט איז עס בעלעגט, פון איין קלאַפּען צום אַנדערן, מיט אַ שמאָל שטיקעל רויכוואַרג, גוט צוגענעהט אונטען, אויך צום ווערבעל אויבען, ווער ווייסט עס דען נישט אַ יודיש קלאַפּאָווע היטעל?!"

„מילא — שמייכעלט ר׳ חיים מיט אַ קנייטשעלע — מה רעש? וועט יענס שטיקעל פאָרענט נישט צוגענעהט זיין צום ווערבעל נאָר מיט דער אונטערשטער זייט אַליין, אַזוי אַז עס זאָל זיך קענען אָבלעבען: וויל מען, איז דאָס ווי היינט אַ היטעל, כשר יודישלעך וויל מען, לעגט מען עס אָב, קומט עס אויס אַ דאַשיק, איז מען יוצא לכל הדעות און פטור. און וואָס קען מען צו אַ יודען מיט אַזאַ היטעל האָבען? אַ דייטש!..."

„טאַקי וואו תורה דאָרט חכמה. מאריך ימים ושנים זאָלט איהר, ר׳ היים, זיין!" זאָגט דער עולם גאַנץ צופרידען, אָנגווינ־שענדיג איהם אַ פולען קאָפּ.

דאָס דאָזיגע מין היטעל מיט דעם אָבגעלעגטען דאַשיק איז דערנאָך אָנגענומען געוואָרען בכל תפוצות ישראל און גילט נאָך עד היום ביי אַלע פרומע יודען דאָרט אונטער דעם נאָמען „נאַפּאָלענאָקע". די וועלט אָבער בעדאַרף וויסען, אַז נולד איז דאָס היטעל געוואָרען אין דעם שטעדטעל ק... און אין דער היסטאָריע בעדאַרף עס שטעהען פערשריבען

אויף דעם נאָמען ר׳ חיים׳ס, דער ערשטער, וואָס האָט עס ממציא געווען, — נאַפּאָלעאָן, מעגליך, האָט געטראָגן פון אַזאַ פאַסאָן א היטעל גאַנץ זיכער, אָבער, מען מעג שווערן, אַז ר׳ חיים האָט מיט נאַפּאָלעאָנען זיך כלל ניט אָנגעהערט און קיינמאָל זיין היטעל אַפילו אין די אויגן נישט געזעהן.

צו ר׳ חיים׳ן פלעגט מען אָנקומען אויך בשעת, נישט דאָ געדאַכט, עפּעס א קראַנקהייט. קיין דאָקטאָר אין שטעדטעל איז נישט געווען, חוץ אַ רופא, וואָס האָט מעהר נישט געוואוסט ווי שלאָגען צו דער אָדער, שטעלען פּיאַווקעס, באַנקעס, אויך גאָלען און שערען. ווי באַלד עפּעס אַ שלאַפקייט, האָט זיך געוויזען דער רופא מיט דעם גאַנצען קלאַפּערגעצייג און געאַר־בייט אויף אַלע כלים: צוקאַראַדאַשעט רוק און לענד, האַלז און געניק, צו ווינשענדיג דערנאָך עפּעס אויף דייטשערעס, „צו געזונג!“ און אַז די ברכה זיינע האָט נאָך אַלע מיטעל נישט געהאָלפען, דעם קראַנקען איז נאָך געוואָרען ערגער, פלעגט מען קומען מיט א געבעט צו ר׳ חיים׳ן, ער זאָל מוחל זיין געהן, דעם חולה „צו בעטראַכטען“ — און ר׳ חיים, וואָס האָט ער געקענט טון, איז געגאַנגען בעטראַכטען. ביים עולם איז איינגערעדט געווען, אַז ר׳ חיים איז אַ מעטער, אַ גרויסער מבין אין דאָקטאָריע. ער אַליין ווידער האָט זיך געהאַלטען טאַקי דרינען פאַר אַ שטיקעל מבין. פון וואַנען האָט אַזוינס צו איהם זיך גענומען? דערויף איז דאָ א טעם. ר׳ חיים אַליין איז בטבע געווען אַ שוואַכער, א שלאַפּער מענש, חוץ דער יודישער קראַנקהייט „מערידען“, אַ ירושה פון די עלטערן, האָבען איהם אין לעבען נישט אויסגעלאָזט נאָך אַנדערע מיני וועהטאָגען: שטעכעניש אין די קריזשעס, אַ שפּאַרעניש אונטערן לעפעלע, קוועטשעניש, מאַטקייט אין די גלידער, וואָס היינט הייסט עס

פישקע דער קרומער

עפּעס „גערוּוען”, איבער וועלכע ער האָט אמאל, ביי א געלעגענהייט, זיך מישב געווען מיט גרויסע דאָקטוירים ערגעץ, און צום גרעסטען טייל אָבער זיך נישט וויסענדיג געמאַכט — עט, גאָרנישט, אַ מיחוש, עס וועט אַזוי זיך איבערגעהן. איינמאל אָבער איז ער טאַקי שטארק פערשלאַפט געוואָרען, בעקומען אַ היציגע קראַנקהייט עפּעס, אַזוי אז מען האָט צו איהם עטליכע מאָל אראָבגעבראכט א גרויסען דאָקטאָר פון דער סביבה, דאכט זיך, דעם שלאָס־דאָקטאָר, וואָס ביים דוכס אליין, און דאָס אויסגעהן זיך זיינס פון דער קראַנקהייט איז געווען בעשיינפערליך א וואונדער ווי פון טויט לעבענדיג. דאָס אלסדינג האָט געמאכט ר׳ חיים׳ן פאַר אַ געניטען, איהם געגעבען דאָס רעכט א מבין צו זיין אויף קרענק, שוין נישט צו ריידען פון רפואה־ביכלעך פאר׳ן פאָלק, אין וועלכע ער פלעגט אריינקוקען, פון אלע רעצעפּטען, וואָס האָבען מיט דער צייט ביי איהם זיך אָנגעקליבען. פרעגט נישט, זאָגט מען דעם דאָקטער, פרעגט דעם קראַנקען, — און קראנק איז דאָך ר׳ חיים אין זיין לעבען פיעל מאָל געווען, און באמת טאקי פאר וואָס זאָל דאָקטאָריע ערגער זיין פון אדוואָקאטור, א שטייגער ? אין יענער שטאָדט, נישט ווייט פון ק... איז דאָ א ר׳ אהרן, דוקא נישט אזא למדן, אין די שקאָלעס ערגעץ נישט געלערנט, פון דעסטוועגן גילט ער אין דער סביבה פאר א „זאקאָנשטשיק” נאָר א מורא! ביי עפּעס א קרעצעל, א מיאוסען עסק, ווענדעט מען זיך צו איהם, נאָר טאקי דערפאר אליין, וואָס ער, ר׳ אהרן, איז אין זיין לעבען אין פיעל תפיסות איבערגעזעסען, פאר בלבולים און גנבות, פאר פאלשע מסירות וכדומה נאָך בלבולים אזעלכע, בעהיט זאָל מען ווערען, און איהם איז אויסגעקומען דורכדעם גוט בעקאנט צו ווערען, מיט „גאטשאלסטוואָ”, ווייסט די אלע

גענג. וואָס מען האָט צו טוּן, וואָס צו שרייבען, וואָס צו רעדען מיט אלע דרעדלעך, שפּיצלעך און אָבשניצלעך.

ר׳ חיים אָבער איז געווען א דאָקטער נאָר צו געוויסע קרענק, פון וועלכע מען קען חלילה ליגען אָדער מען ליגט שוין טאקי אין בעט, קיין כח נישט האָבענדיג זיך צוריהרען. צו אנדערע, גלאט אזוי זיך וועטאָגען, זענען שוין געווען אנדערע אין שטעדטעל, וואָס האָבען געטויגט איטליכער צו זיין זאַך. אויגען-וועהטאָג, א שטייגער, דערויף איז געווען א ר׳ פֿישעל. ער האָט געהאט בסוד עפּעס א וואסער׳ל, פֿון וועלכעם ער פֿלעגט געבען עטליכע טראָפּענס אויף א רפואה, אומזיסט, נאָר פֿון מצוה וועגען. צו מאָגערקייט, אויסדארעניש האָט פּעטרוכא די אלטע גויה געגעבען עפּעס מיני קרייטעכער אזוינע. צו דער געכפּה, צו א מאנקאָליע, א רוישען אין קאָפּ — דערויף איז געווען א מייסטער יאש דער טאָטער, אויף איין עין-הרע אָבשפּרעכען, ציינוועהטאָג, פֿעררעדען, גיסען וואקס, מיט אייער אויסקויקלען — דערצו איז געווען א בריה גיטעל די זאָגערין, און צו קדחת, מאיאָווע אָדער קדחת רביעית, פֿלעגט זעהר גוט העלפֿען דער מלמד ליפּא ראובן׳ס, וואָס איז באמת געווען א גרייליכער (זעלטענער) מענש. נישטאָ, האָט עס געהייסען, ווייט אין דער וועלט צו זוכען זיין גלייכען.

דאָס ווינטש־פינגערל

קאַפּיטעל 11

מען בעדאַרף וויסען וואָס הייסט אַזוינס ביי א יונגעל פֿאָהרען, בכדי צו פֿערשטעהן הערשעלעס האַרץ ביים קלייבען זיך אין וועג אַריין. גליקליכער פֿון איהם איז אויף דער גאַנצער וועלט נישט געווען אין דעם טאָג, ווען ער האָט זיך צוגעגרייט פֿאָהרען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען אין א פֿרעמדער שטאָדט אין איינעם מיט די עלטערן. לייזער־יאַנקעלעכע האָט זיך אויך נאָכגעשלעפּט. געהייסען האָט עס, זי פֿאָרט אויף קבר־אבות, נאָר באמת האָט עס געשמעקט מיט א געשעפֿטעל. אויך מיט אָנקוקען דאַכט זיך עפּעס א חתן, פֿאַר ציפּע־סאָס׳ען אָדער פֿאַר עמיצען אַנדערש — דאָס איז שוין איהר זאַך, קיינעמס עסק נישט. און בכדי אויסצושלאָגען די הוצאות האָט זי מיטגעפֿיהרט אביסעל סחורה, אָפּצוזעצען עס אין גלייכען געלד דאָרט, אין גלופּסק. אונזער הערשעלען, האָט זיך געדאַכט, אַז גלופּסק איז ערגיץ אין עק וועלט עפּעס נעבען די הרי־חושך, וואו דער הימעל לאָזט זיך אראָפּ, און דער טאָג פֿאָהרען אהינצו וועט זיך ציהען לאַנג, זיך גאָר נישט אויסלאָזען.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז מיט א נאַכט פֿריהער האָט הערשעלע קיין אויג נישט געקענט צו מאַכען, זיך געוואָרפֿען

אויף זיין געלעגער פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער, טראַכטענדיג אַליץ פֿונ׳ם גרויסען גליק, וואָס איהם שטעהט פֿאָר. עס האָט זיך איהם געדאַכט ווי גאַנץ גלופּסק שטעהט אצונד און קוקט אַרויס אויף זיין טאַטען, אַלע אין איין קול: וואו איז ער, ר׳ לייזער־יאַנקעל? ווען קומט ער, ר׳ לייזער־יאַנקעל? אַ מעשה, אַ מעשה! נאָך איז נישטאָ ר׳ לייזער־יאַנקעל! און פּלוצלים ווערט אַ גרויס פרייד, אַ גדולה — ר׳ לייזער־יאַנקעל פֿאָהרט! ר׳ לייזער־יאַנקעל איז שוין געקומען! ער איז נישט אליין, ער האָט מיטגעבראַכט אויך זייך בהור׳ל, אַ כלי־שלמה! עס איז אַ צונויפֿלויפעניש, איין ערד־טרעטעניש, מען שלאָגט זיך איבער דעם טאַטען מיט דעם קינד, איטליכער רייסט זיי צו זיך אויף אכסניא, אויף וואַרמעס, אויף אַ קערמי־שיל. מען טייט אויף זיי פֿון דערווייטען מיט די פֿינגער: אָט זענען זיי, אָט געהן זיי, ר׳ לייזער־יאַנקעל מיט זיין בהור׳ל! זיי שטעלען אויס אַ שטיקעל דאַוונען, אַ „גערי־צך”, זינגען אַ מאַרש, אַ וואָלעכיל, פֿערבייסען מיט אַ קליוואַנער בעטלער — און דער עולם ווערט משוגע, שפּרינגט אויס דער הויט הערענדיג אַזוינס.

קוים וואָס הערשעלע האָט דערלעבט טאָג, איז ער געשווינד אויפֿגעשטאַנען, אָפּגעגאָסען נעגעל־וואַסער, געכאַפּט דאָס תפילין־זעקעלע, דורך וועלכען דאָס מזל זיינס איז איהם אַזוי דערהויבט געוואָרען, און געלאָפֿען אין בית־המדרש, אין דער גיך אָפּדאַוונען. אויסער דעם האָט ער טאַקי נאָך געהאַט עט־ליכע נייטיגע געשעפֿטליך, וועלכע ער האָט בעדאַרפֿט פֿאַר׳ן אוועקפֿאָהרען מיט זיינע הברים דאָרט אָפּאַרבייטען. די הברים זענען אויך בעצייטענס געקומען אין בית־מדרש אַריין, ווייל דער חודש־אלול, ווי איטליכען איז בעקאַנט, איז איבערהויפּט

אַ צייט, ווען פאַר יונגלעך שטעלט זיך דער גרויסער י ר י ד און אבי געזונד, מיט אַרבייט האָט מען ניט צו זאָרגען, געשעפטען זענען ברוך־השם דאָ איבערן קאָפּ: מען בעדאַרף דערטאפען מיט קונצען דעם שופר און זיך פּריווען בלאָזען הינטערווייילעכס דאָרט אין דער ווייבערישער שול; דערביי מוז מען פיהרען די גאַנצע תכסיסי מלחמה מיט דעם שמש, וואָס ער איז דענסט־מאָל דערצאָרענט און בייז ווי צעהן רוחות. אויך בעדאַרף מען זיין אויפ׳ן הייליגען אָרט, אויפ׳ן פעלד, ס׳איז דאָך דאָרטען עפּעס דאָ אַ בוים מיט כל־גדרי־באַרלעך. הייגט איז דאָך אויף דער וועלט עפּעס אויך דאָ אַ וועלדעל מיט ניס־ביימער, ערשט צייטיג געוואָרענע, מען מוז געהן רייסען, אָנשטופּען פולע פלידערען. געלויבט איז גאָט, וואָס אונטער אַזאַ צייט מיט אַזוי פיעל וויכטיגע געשעפטען איז מען נאָך כאָטש פריי, פּטור פון לערנען — די מלמדים לויפען דענסטמאָל, געהן צו קינד, קוואָקען אויף אַ קנעלונג און „בוטצקען" זיך און בייסען זיך פאַר די נעז נעביך. הערשעלע האָט געקוקט שטאָל׳ץ אויף זיינע חברים אַרום איהם אין פּאָליש פונ׳ם בית־המדרש, טראַכ־טענדיג ביי זיך: אויך מיר מענשען, מ׳שטיינס־געזאָגט, זיי בליי־בען דאָ און איך — איך פאָהר! מען זאָל איהם דענסטמאָל געווען זאָגען אַ שטייגער: הערשעלע! דער פּריין שענקט דיר דאָס גאַנצע שטעדטעל קאַבצאַנסק מיט זיין שלאָס, אַבי בלייבט דאָ, פאָהר נישט, וואָלט ער געשפּיגען קלעק און נישט געוואָלט אפילו הערען. — ער געזעגענט זיך מיט דער חברה און לאָזט זיך געהן לעבעדיג, פרעהליך.

אַ טאָג איז דענסטמאָל געווען זעהר אַ שיינער, ווי עס ניט זיך אוים אַמאָל אין אלול איינער פון די געשענקטע טעג. נאָך גאַנץ פריה האָט פון איהר געצעלט דאָרט ביים עק

הימעל אַרויס געשיינט די זון מיט איהר ליכטיג פּנים און, צוטרייבענדיג ביסלעכוויים דעם פריש־קיהלבליכען טומאַן, זיך געשפּיגעלט אין די טוי־טראָפּענס, וואָס האָבען געפינקעלט, געשפּיעלט אין אַלערליי קאָלירען ווי די בריליאַנטען. די שאָטענס רוקען זיך מיט דרך־ארץ טריט ביי טריט אַלץ צוריק און וואָס ווייטער, ווייטער ווערט העלער און העלער. פרעהליך שווישצען די וואָראָבייטשיקעס, אונטערשפּרינגענדיג מיט די דינע פיסלעך אויף די דעכער, אויף די פּלויטען, דאָס — צונויפלויפען זיי זיך פּעקלעכוויים אין איינעם, עפּעס באַמפּערט מען זיך איבער אַ קערנדעל, עפּעס שמועסט דאָ קהל איבער וועגען זייערס אַ וויכטיגע זאַך און דאָס — צולויפען זיי זיך אין בעזונדערע פּאָרליך, טאַנצענדיג איטליכער אַקעגען זיין בעשערטער, וויטען זיך, לויבען זיך, צאַפּלען, פלאַטערען מיט די פליגעלעך — און פּיק, פּיק אין קעפּעל... מעקענדיג לויפען ראַפּטאָם ציגען פון אַלע געסלעך אַהין, וואו עס פאַרקלייבט זיך די טשערדע, פון דאָרט געהט זי אויפ'ן גאַנצען טאָג אַוועק אין פעלד אריין, די פאַרשייטע ציגען, די שקצים שפּרינגען רעש,ענדיג פאַריסען די ווייזלעך העט פאָראויס, די קיה ריהרען זיך פּאמעלעך מיט סטאַטיק, נישט געאיילט, צוגייענדיג מיט די קעפּלעך, ווי פיינע בעלי־הבית'טעס, רוהיג שטיל, נאָר עטליכע פערדרעהען אַרינטער די קעפּ און לאָזען אַרויס ווי פון אַ צעשפּאַלטענעם שופר אַ הייזעריגען, אַ קיה'עש־נאַרישען „מע" גלייט אזוי זיך אַ גרוס גאָר פריינטלעך דעם גאַנצען שטעדטעל יודען, אָדער „אַ זיי געזונט" די פערבליבענע קעלבלעך. שאָקלענדיג זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער פיהרט דער גאָנער זיין גאַנץ געזינדעל יונגע געגלעך, וואָס ערשט אריין אין די פעדערען, בלאָזט פון זיך אַ שרעק, גאָגאָטשעט, שטרעקט דעם האַלז,

פערוואַרפענדיג מיט'ן קעפעל און לאָזט זיך מיט דער קאָמפּאַניע אַראָפּ אַהין צום וואַסער. — דער טאָג איז שוין, ליכטיג ווי הערשעלען אויפ'ן האַרצען. הערשעלע שפּילעט אויף געהענדיג דאָס קאַפּאָטקעלע, שטרעקט אויס די הענד כאַפּען די לאַנגע שניי־ווייסע פעדים, וואָס טראָגען זיך אַרום אין דער לופט ווי דינע פּיאַטיגע, פערקוקט זיך אויך אויף די טויבע, וואָס שוועבען, דרעהען זיך העט אין דער הויך מיט אויסגעשפרייטע פליגעלעך, ריין־קלאָהר גלאַנצענדיגע, גאָלד זילבער — און ער האָט הנאה, ס'איז איהם עפּעס גוט, גרינג אויך דער נשמה. ער פיהלט, אַז היינט איז ער גליקלעך. די געשעפטען זיינע האָט ער געלויבט איז גאָט, אָפּגעאַרבייט נאָך בעסער ווי געווינשען. ער איז פריי, ער פאָהרט. ס'איז יום־טוב'דיג גוט אַרום און אַרום. רבונו של עולם! טראַכט ער — און די אויגען בענעטצען זיך איהם פאַר פיעל פרייד — איך דאַנק דיר און לויב דיר פאַר דיינע חסדים. נו, מען בעדאַרף זיך נעמען צו דיין דיענסט: פרום זיין, לערנען, דאַווענען געשמאַק — זיין אַ יוד. געהענדיג אַזוי אויפגערייטט, שטאַרק צופריעדען מיט אַ האַרץ פול פרייד, קומט איהם פּלוצלים צו די אויגען דאָס טייערע געשטאַלט, די ליכטיגע צורה פון ביילען.

ביילע איז זיך געשטאַנען נעבען דער פריזבע ביי איהר שטוב, וואו זי האָט אַרויסגעשטעלט טריקענען דאָס געוואַשענע געפּעס און אויסגעהאַנגען אויף אַ שטריקעל עטליכע איבערגעשווענקטע שמיקלעך גרעט. זי איז געווען נאָך נישט אָנגעטון, נאָר אין איין אונטערשט קליידעל, פון הינטען פערשטעקט, באָרפיס. די אַרבעל פונ'ם העמד וויט פערקאַטשעט אויף די פולעטשקע, דיקע אָרעמס ביז איבער די עלבויגענס. דער בוזים אביסעל אָפען, דער גאַנצער האַלז, מחילה, אין דרויסען

און די האָר צופּאטעלט, ווי געווענטליך אַ בריה אַ מיידעל פריהמאָרגען.

אונזער הערשעלע שטאַרק אויפגערייםט, שמחת־תורה־דיג, לויפט צו אין גרוים הדוה האַסטיג צו זיין בת־מלכה, פרעגט איהם בחרם ווי אַזוי דאָס איז געשעהן, עפּעס נאָר טאַקי ווי דער גוטער יאָהר וואָלט איהם פון הינטען צו איהר א שטופ געטון. ער געזעגענט זיך מיט איהר, נעמענדיג זי ביי דער האַנד, ווי זי וואָלט געווען אַ מאַנספערשוין, און רעדט עפּעס פאַר פייער, פאַר וואסער, נישט רעכט צו געדענקען וואָס. ביילע בלייבט פערגאַפט ,ווייסט נישט וואָס צו טהון. און אַז די ערשטע היץ איז אַריבער לאָזט הערשעלע אָפּ ביילעס האַנד מאַכענדיג, נאָך אַליין נישט רעכט ביים זינען, מיט אַ נאַריש געלעכטער׳ל: הע... ביי א מיידעל די האַנד!... אַ יודענע, הע, שלום עליכם!... נאָר ווי ער קומט באַלד אין גאַנצען צו די געדאַנקען נעמט איהם אָפּ דאָס לשון, ער ווערט רויט און בלייך. ביילע שטיקט זיך שטילערהייט פאַר געלעכטער, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען, אַוועקרוקען זיך אין דער זייט, און הערשעלע טראָגט זיך אָפּ געשווינד ווי א גנב.

הערשעלע איז געווען עפּעס גאָר צודרעהט, ביי זיך אין האַרצען מיאוס אַראָבגעפאַלען. סטייטש, וואָס האָט ער געטון!... ערשט זאָגט ער צו, דעם רבונו של עולם צו דיענען, זיין אַ יוד — און פלוצים אַזאַ מעשה, אַזוינס „ג׳יתח״ אָפּצוטון!... פּע! — ער שפּייעט, קראַצט זיך פאַר פערדראָס אין דער פאה און מאַכט נאַ־נאַ!...

פֿישקע דער קרומער

קאַפּיטעל 1

קוים גיט אַ שיין די ליכטיגע זון און זומער לעב אין דעם לאַנד, מענשען ווערען ווי נײַ געבוירען און דאָס האַרץ פֿרעהט זיך זיי קוקענדיג אויף גאָט'ס וועלט דער שיינער; דערנסטמאָל הויבט בײַ יודען זיך אָן די רעכטע אומיטיגע צייט, צוקלאָגען און פֿערגיסען טרעהרען. עס געהט דאָס גאַנצע צעטיל טרויער: תענתים, פּייניגען זיך, יאָמער און געוויין פֿון ספירה ביז העט אין די גרויסע בלאָטעס און אָסענדיגע קעלט. דערנסטמאָל שטעלט זיך פֿאַר מיר, מענדעלע מוכר ספרים, דער גרויסער יריד, איך אַרבייט, פֿאָהר בעשטענדיג אַרום, צופֿערזאָרגען יודישע קינדער אין אַלע שטעדטלעך מיט די אַלע נייטיגע מאַטעריאַלען צום וויינען: מיט קינות, מיט סליחות, ווייבערישע תחינות, מענה־לשון'ס, שופרות און מחזורים. הכלל, יודען קלאָגען, פֿערווײַנען דעם זומער און איך מאַך דערווייל געשעפֿטען. נישט דאָס בין איך אויסען.

אונטער וועגענס איינמאָל, שבעה עשר בתמוז, גאַנץ פֿריה, זײַן איך מיר אויף דער קעלניע פֿון מײַן ביידעל אין טלית און תפֿילין, מיט דער בייטש אין דער האַנד, גאַנץ יודעשעלך. די אויגען זענען מיר צו געמאַכט, בכדי נישט אָנצוקוקען בײַם דאַווענען די לעכטיגע וועלט. מעשה־שטן אָבער איז זי די נאַטור,

ווי הייסט מען עס, געווען וואונדער שיין, נאָר אַ בילד, און עס האָט מיך געצויגען, עפּעס ווי אַ כשוף, א קוק צו טוהן. איך האָב א היבשע צייט מיך געראַנגעלט מיט מיר אַליין. דער יצר טוב זאָגט: „פּע!... מען טאָר נישט!" דער יצר הרע אַקעגען טאָרעט! „נישקשה! האָב הנאה, נאַרעלע!" און עפּענט מיר דערביי טאַקי אויף איין אויג. עס טוט מיר א שיין, נאָר ווי אויף צו להכעיס, עפּעס א בילד־שענע פּאַנאַראַמע: פּעלדער געשפּרענקעלט מיט בליהענדע רעטשק, וויים ווי שניי נעבען געלב־גילדענע ראַצעמארענע פאסען פון ווייץ און מאַט־גרינליכע הויך געוואַקסענע קוקורוזעס; אַ שענער גרינער טאָל, בעדעקט פוןביידע זייטען מיט וועלדלעך ניס־ביימער, אונטען פּלייצט אַ טייכעל. ריין קלאָר ווי קריסטאָל, אין וועלכען עס טוקען זיך די שטראַלען פון דער זון און בעלייגען עס מיט פּונקעלדיגע גילדענע פּליטערליך. די שאָף און די קיה אויף דער פּאַשע דאָרט זעהן פון דערווייטענס אוים ווי טונקעלע, רויטע, געפּלעקטע פּינטעלעך. — פּע, פּע! מוסר'ט מיך דער יצר־טוב מיט יענע ווערטער פון'ם פּרק; אַ יוד אונטער וועגענס אַז ער איז מפסיק דאָס לערנען און זאָגט: „ווי שיין דער בוים איז ווי שיין דאָס פעלד, איז גלייך ווי ער טוהט זיך אליין אַ מעשה, אָן". — דער יצר הרע אָבער פּערטראָגט מיר אונטער דער נאָז מהיה'דיגע רוחות פון סטערטעס היי, געווירץ און קרייטעכצער, וואָס צוגעהן זיך אין אַלע אברים. ער צוגיסט זיך אין קונציגע ניגונים פון אלערליי שפּיעל פּייגעלעך, וואָס קיצלען ביי דער נשמה. ער לאָזט מיך פּיהלען אויף מיין פּנים א וואַרם ווינטעלע, וואָס גרייזעלט מיר די פּאות, שושקעט מיר אין די אויערן, קוק, האָב הנאה און זיי אַ מענש, די נאַרישער יוד איינער! איך בעבע, מריקע מיר, מ'שטיינס געזאָגט, אַליין נישט רעכט צוהערען,

וואָס איך בעבע, עפּעס טראָגט מיר דער מוח, עס פּיקט מיר אין קאָפּ און עס טראַכט זיך זידלערייען: געפּגר׳טע נפשות!... אָהן לייב, אָהן לעבען... נשמות פֿערריקטע אין טשאלענט!... אָהן ריח, אָהן טעם ... דראַפּאַטשעס צושאַטענע! ... פּער־דאַרטע אָפּגעשלאָגענע הושענות! ... איך צושאָקעל מיך מיט געמאַכטער כונה, כּכדי עס זאָל זיך נישט טראַכטען, און דערהער גראָד ווי דאָס מויל לאָזט פֿון זיך אַליין אויס יענץ שטיקעל דאַווענען מיט די ווערטער: „המחזיר נשמות לפגרים מתים”, דאָס הייסט אויף קרבן־מנחה טייטש: דער דאָ קערט אום די נשמות צו די טויטע פּגרים.

האַ, וואָס! אַקעגען וועמען? טהו איך מיך א כאַפּ, פּער־שעמט פֿון מיינע אייגענע מיאוסע געדאַנקען. און בכדי צו פֿערגלעטען מיין פֿעהלער אַקעגען דעם רבונו של עולם, מאַך איך קלאָמפּערשט אַ מינע, ווי נישט זיי מיין איך, דאָס פֿערדעל מיין איך... דערלאַנג דעם שלמזלניק מיינעם אַ שמיטצעל מיט דער בייטש, מאַכענדיג דערביי: אַ־אַ־אַ,פּגירה איינע! ...

אַ שיינער איינפֿאַל אפילו! נאָר היינטיגס מאָל האָט עס ווייניג געווירקט, עס האָט מיך שטאַרק געקרענקט פֿאַר וואָס גראָד היינט זאָל מיר נאָר איינפֿאלען אַזעלכע געדאַנקען, היינט, ווען וויינען און קלאָגען בעדאַרף מען אויף דעם גרויסען חורבן, אויף די גרויסע צרות, וואָס די קינדער ישראל האָט געטראָפֿען. — די קאָמאנדע פֿון נבוכדנאצר מלך בבל איז אריין אין ירושלים און פֿון איהר אַ תל געמאַכט ... איך מאַך א רחמנות פנים און זאָג די סליחות צום היינטיגען שווערען טאָג אויף אַ וויינענדיג קול, וואָס איז געגאַנגען אַלין העכער און טרויעריגער אין דעם פּזמון דאָרט, ביי יענע ביטערע ווערטער:

„והשפיפון מצפון: און דער פּיפּערנאָטער, דער טאָטער פון צפון זייט, כשבולת שטפני: האָט מיך ווי אַ שטראָם וואַסער פערטראָגען ווייט, והציד: און דער יענער, פער טויט־שלעגער, שלח יד: טוט אַ לאַפּ, אַ כאַפּ, והצפיר והשעיר: אויף די ציג, אויף דער צאַפּ".

אַ יוד אבי ער שרייט זיך אַביסעל אויס מיט אַ פּזמון רעדט זיך אָן ווי אַ פּויק און זאָגט אָב אַ סליחה, דאַכט זיך איהם, ער האָט שוין אַלסדינג אָפּגעטון און איז ווי איין אָפּגע־שמיסען קינד נאָכ'ן אויסווייגען זיך, ווייטער זיך גאַנ'ן צופרידען. איך זיץ מיר אָנגעלענט אויף דער קעלניע, גלעט מיר דאָס בערדיל, שוין מיט אַ גרינגער געמיט, גלייך ווי איינער רעדט: מיינס האָב איך געטון, געגוג יוצא געווען, אַצינד גאָטעניו איז נאָר געווענדט אין דיר. ווייז זיך טאַטע־פאָטער, רחום־צדיק! — גנעה שוין, געה, זיי מוחל! מאַך איך צום פערדיל מיט גוטען, איבערבעטענדיג עס אין האַרצען פאַר דעם צונעמעניש „פגירה" פריהער. מיין שלמזלניק טוט זיך אַ קניה אויף די פעדערסטע פיס, אַ בוק מיט'ן קאָפּ צו דער ערד און קרעכצט עפּעס אַזוי ווי גערעדט: „אדני פּאָריין! און וואָס איז עפּעס מכח עסען?" — קלוג כ'לעבען ווי דער טאָג! זאָג איך, געבענ־דיג איהם בשעת מעשה אַ צייכען, אַז ער מעג אויפשטעהן, זיך שטעלען אויף די פיס. נישט אומזיסט שטעהט אין די קינות: „ציון, כך כל־בהמה ועוף חכמו". דאָס הייסט, ביי דיר כנסת ישראל, זענען אַלע בהמות קלוג!... נישט דאָס בין איך אויסען. פון דער דאָזיגער ממרא בין איך טראַכטענדיג ווייטער אַרויף אַגיף די כנסת ישראל, זיך פערטיפט אין די געדאַנקען מכח זייער חכמה, זייער פיהרונג, זייער פיינע־בריות און מכח זייער לאַגע געבעך. דער קאָפּ טאַלאַבענדעט זיך מיר אַהין,

אַהער, עס דאַכט זיך מיר עפּעס דער פּיפּערנאָטער, נבוכדנאצר מיט דער קאָמאַנדע, אַ שרעקליכע מלחמה, אַ קלאַפּעריי אַ געשלעגעריי, די קאָמאַנדע ברעכט ווענד, זעצט אויס טירען, שויבען, יודען, א טייל מיט פּעקלעך סחורה און אַלטע הפצים טוען זיך אָן אַ כח שרייען געוואלד און לויפֿען ... איך כאַפּ אַ שטעקען, לאָז מיך — און בוך אויף דער ערד, אויסציהענדיג זיך ווי גרויס איך בין.

אַ פּנים אין דאַווענען האָב איך, זאָל נישט אויסגערעדט זיין, געכאַפּט אַ דרעטעל. מיין ביידעל, טהו איך אַ בליק, איז אַריין אין אַ קאַליושע, וואָס אויף דעם בעל־העגלה׳שען לשון הייסט עס אַ „טינטעריל". אין דעם הינטערסטען רעדעל איז פֿערטשעפּעט איין אַקס פֿון עפּעס איין אנדער ביידעל. דאס פֿערדעל מיינס שטעהט אין געהאַקטע וואונדען מיט איין פּוס איבער דער האלאבלע, פֿערדרעהט אין די לייצען און כאַפּעט ווי אַ גאַנז. פֿון יענער זייט ביידעל שיטען זיך טויטע קללות, אויף יודיש, מיט אַ קייכען און הוסטען אין איינעם. אַ, א יוד! טראַכט איך מיר, איז אָהן סכנות און טוה מיך א לאָז אין איין כעס אויף יענער זייט וואָגען. דאָרט אונטער׳ן וואָגען ליגט פֿערפּלאָנטעט אין טלית און תפילין א יוד, די בייטש פֿערדרעהט מיט די רצועות, צאַפּעלט און אַרבייט מיט אַלע כחות זיך אויסצודרעהען. איך שריי: סטייטש! סטייטש! איך בטל צו איהם אויס חלמות, ער בטלט צו מיר, נישט אָנצוקוקען איינער דעם אַנדערנס פּנים. איך פּילדער: ווי שלאָפּט עס אין דאַווענען אַ יוד! ער צוריק: ווי פּאָפּט עס אַ יוד! איך גיב איהם אין טאַטען, ער מיט אַ צוזאָב אין דער מאַמען אַריין! אין שמייסט זיין פֿערדעל, ער, אויספּלאָנטענדיג זיך, לויפּט און שמייסט מיין פֿערדעל, ביידע פֿערדלעך שטעלען זיך דיבאָם און מיר, שטאַרק אָנגעצונדען, לאָזען איינער צום אַנדערען זיך

צו הענדוס־פענדוס, ווי די הענער, מיט דער דעה אָנצונעמען זיך פֿאַר די פאות. אַקעגען א רגע שטעהן מיר שטיל, שאַרף אָנקוקענדיג איינער דעם אנדערען. עס האָט געמוזט זיך אויס־געמען משונה ווילד, האָבען דעם זיבענטען חן. צוויי יודישע גבורים אין טלית און תפילין שטעהן אָנגעדרודעלט, גרייט צו בעווייזען זייער גבורה און זיך פאַטשען אויפֿ'ן פֿרייעם פֿעלד, ווי אין אַ בית־מדרש להבדיל!... אַזעלכעס האָט מען באמת געמענט אויף חידושים געהן זעהען. מיר שטעהן, קוקען און אָט בעדאַרף שוין פֿליהען הייסע פעטש. פלוצלים שפרינגען מיר איינער פֿונ'ם אַנדערען אויף עטליכע טריט אָפּ און לאָזעןביידע שטאַרק פֿערוואונדערט אין איין קול אַרוים: אוי ר' אלטער!... אוי־אוי, ר' מענדעלע! —

אלטער יקנה"ז איז אַ יאָדערדיג יודעל, אַ געשפּיקעוויטער, מיט אַ דיק בייכעל. זיין פנים איז געדיכט בעוואַקסען מיט שמוטציג־געלע האָר, פֿון וועלכע ס'איז דאָ גענוג אויף פאות, אויף אַ באָרד און אויף וואָנצעס אי פֿאַר זיך, אי אויף נאָך עטליכע יודען צוּבעטיילען. אין דעם ים־האָר ליגט אַ וויספּע — א ברייטע, פֿליישיגע נאָז, וואָס איז דאָס רוב יאָהר פֿער־ליינט, אָהן אַ שום התמנות. נאָר ווען עס מאכט זיך אין איהר אַ מאָל עפּעס אַ פֿערענדערונג, אונטער אַ פֿאַר פסח אַ שטייגער, בשעת עס לאָזט אומעטום, עס געהט די קרע, און דער בעל־הבית איהרער נעמט זי אין דער אַרבייט מיט אַלע פֿינף פֿינגער, דענסמאָל בלאָזט זי הילכענדיגע תקיעות, ווי אַ שופר; דענסט־מאָל קלונגט מיט איהר גאַנ'ן טונעיאָדעווקע. אין איינעם מיט די אינדיקעס דאָרט גיט זי דענסטמאָל קאָנצערט. אַלע אין שטעטעל בלייבען פֿארגאַפט און עס שיטען זיך איהר שמעק טאַבאַקע פֿון אלע זייטען מיט ווינשעוואַניעס יקנה"ז'ן אָהן

אַ צאָהל: אַ סים, אַ סים! — איבערהויפּט אין די יודישע שטעדטלעך צושפּילען זיך די נעז אין יענער צייט. מסתמא שמעקט דאָך עס מיט עפּעס און עס האָט אַ טעם... דאָס איז שוין דאָרט אַזוי געשטעלט, ווי פּרשה יתרו ציגלען זיך די ציגען, נישט דאָס בין איך אויסען, יאָהרען. ער איז אַ מענשעל פאַר זיך, נישט שטאַרק איבערגעשפּיצט, נישט קיין גרויסער בעל־דברן, שטענדיג אָנגעבלאָזען, ווי ברוגז אויף דער וועלט. הגם ער איז במבע נישט קיין שלעכטער מענש.

נאָך דעם ברייטען שלום־עליכם פון ביידע צדדים, נעמען מיר זיך איינער דעם אנדערען אויסצופאָרשען, דאָס הייסט ביי אונז יודען געוועהנליך: אַ טאַפּ טהון אין וואָגען, אָדער אַ שמעק טהון, וואָס הערט זיך.

„וואוהין פאָרט עס אַ יוד?" גיב איך אַלטערן אַ טאַפּ.

„וואוהין עס פאָהרט אַ יוד?" עט!... ענטפערט אַלטער צוריק מיט אַ פראַגע, ווי דער שטייגער איז פון יודען, נישט צו ענטפערן גלייך, אָפּצופּאַטערען יענעם מיט „עט" און אָנצושטויסען זיך אויפ'ן ווינק — די אַלע חכמות, וואָס אין דער מלאכה אָנשמעקען, אַ טאַפּ טהון שטעקען,... אַ יוד פאָהרט! אין דער ערד מיט'ן קאָפּ פאָהרט ער... און ר' מענדעלע פאָהרט עס וואוהין? טהוט ער מיך צוריק אַ טאַפּ.

„אַהין!... וואוהין געוועהנליך איך פאָהר אין דער צייט."

„איך שטוים מיך שוין אָן וואוהין, אַהין קיין גלופּסק וואוהין איך פאָהר אויך אַצינד. מאַכט אַלטער מיט אַזאַ מינע עפּעס, ווי עס אַרט איהם, צום פּדיון זאָל עס איהם הלילה נישט שאַטען. — נאָר פאַר וואָס, ר' מענדעלע, איז ביי אייך היינט עפּעס מן הצד מיט אַ הינטער וועגעלע און פאָהרט נישט אַהין מיט'ן גלייכען שליאך?"

„היינטיגס מאָל איז מיר גראָד אַזוי אויסגעקומען, ס'איז רעכט! שוין טאַקי אַ לאַנגע צייט בין איך אויף דעם וועג גישט געווען, און ביי אייך ר' אַלטער, פֿאַר וואָס איז דאָס עפּעס הינטען אַרום? טהו איך אַ שמעק, פֿון וואַנען קומט עס אַ יוד?"

„פֿון וואַנען אַ יוד קומט! פֿון אַלדע שווארצע יאָהר!... פֿון דעם שענעם יריד. נאַט אייך אַ יאַרמעלינייק! איינגעזונקען זאָל זי ווערען!

און דערווייל ווי אַלטער מיינער שעלט, פֿלוכט יאַרמע־לינייק מיט דעם יריד דאָרט, פֿאָהרען אָן אַקעגען גוי'עשע פֿוהרלעך מיט אַ געשריי, פֿאַר וואָס דער וועג איז פֿערשטעלט. דערנאָך ווי זיי האָבען דערזעהן צוקומענדיג מיך און אַלטער'ן,ביידע אין טליתים מיט גרויסע של ראש'ן אויפֿ'ן קאָפּ און' לאַנגע ברייטע רצועות, צושרייען זיי זיך שוין גראָבלעך מיט געשפּעט:

באַטשיטי, יאַקיי פּאַני בעדיי, צאַטצי, ע־ע! טראַסצאָ וואַשי מאַטער, דאַיטע דאַראָגי; היי הודקאָ, זשידקי' לאַבסאַרדאַקי!

איך מיט אַלטער'ן טהוען מיר געשווינד זיך אַ נעם צו די ביידלעך מיט אימפּעט. אַ פּאָר פֿון די פויערען, כאָטשע נישט פֿון יודישע קינדער, נאָר אמת מוז מען זאָגען, האָבען געהאַט אַזוי פֿיעל יושר צו העלפֿען אונז אין דער נויט. און בזכות זייער שטופּ טאַקי איז מייןביידעל באַלד ארויס פֿונ'ם טינטערעל. זיסט, וואָלטען מיר זיך אָוועקגעבאָברעט, גאָט ווייסט וויפֿיעל, און נאָך געקענט מיאוס צערייסען אונזערע טלילים, מיט די עשו'ם אין איינעם איז שוין אויסגעקומען גאָר עפּעס אנדערש. זיי האָבען געשטופּט אויפֿ'ן רעכטען אמת טאַקי, והידים ידי עשו,

באַלד צו דערקענען געווען עשו'ס הענד, און ביי אונז, להבדיל, איז נאָר געווען הקול קול יעקב, דאָס הייסט, מיר האָבען זיך נאָר געקוועטשט זיך געמאַכט ווי מיר שטופען קלאָמפּערישט... נישט דאָס בין איך אויסען. ווי באַלד נאָר דער וועג איז געוואָרען פריי, זענען די גראָבע כאַמולעס זיך געפאָהרען זייער וועגס, אויסדרעהענדיג די פרצעס צו אונז, אַליין געלאַכט, געשפעט, וואָס מיר געהן אָנגעטהון ווי גלהים להבדיל נעבען די פערד אין וועג. און דינען דעם בורא מיט דער בייטש אין דער האַנד . . . אַ טייל האָבען, טייטענדיג אויף אונז מיט איין עק פּאָלע, ווי א „חזיר אוירעל", געשריגען: זשיד כאַלאַמיי! אַלטער'ן האָט עס נישט אַזוי געאַרט. אויך מיר לייט! מאַכט ער מיט אַ קנייטשעל, פאַר וועמען, מ'שטענס געזאָגט, מען האָט זיך דאָ צושעמען!... מיך אָבער האָט דאָס שפּעטען זייערס יאָ געאַרט געוואַלד, רבונו של עולם פאַר וואָס? פאַר וואָס? פאַר וואָס?...

אַלמעכטיגער גאָט! זאָג איך מיט אַ געבעט אויף תחינה לשון. עפען דיינע אויגען און טו לוגען פון דיין האָרבעריג, דאָש איז דער הימעל, ווי דיינע פאָרכצומע יודעלעך זענען צו שפּאָט און צו שאַנדע געוואָרט ווענען דעם כבוד פון דיין ליבען נאָמענס וועג. ווייל זיי פאָרכטען דיין פאָרכט, זיי אַכפערען דיינע געבאָט האָפּערדיג מיט וואַרהאַפטיקייט. דרום וועלגער אויף אונז דיין באַרמהאַרציקייט און לאָמיר טון געפונען לייטזעליקייט און חן און דיינע אויגען און אין די אויגען פון אלע מענשען. באַשירעם דיינע האָפּערדיגע געליבטע שאָף, דיין רחמנות זאָל טון ברומען אויף דיינע פערשטענדיגע פאָרכטער. טהו אויך בעגיטיגען מיין מזל פאַר מיין לויבונג און בעשיינונג היינט דיין נאָמען בעשיינפערלעך מיט אכפערקייט. טו צושיקען מיר, דיין קנעכט מענדיל דער זוהן פון דיין דינסט גנענדיל און כל ישראל עפּעס א גוט געשעפטעל מיט נחת רוח אמן!

מסעות בנימין השלישי

הקדמת מענדעלע מוכר ספרים

אמר מענדעלע מוכר ספרים, זאָגט מענדעלע מוכר ספרים, געלויבט דער בורא, וואָס בעשטימט דעם גאַנג פֿון די גלגלים אין די הימעל אויווען אין דעם גאַנג פֿון זיינע אַלע בעשעפֿעניש אויף דער ערד אונטען. אפילו אַ גרעזעלע קריכט נישט אַרויס פֿון דער ערד, ביז וואַנען אַ מלאך שלאָגט עס נישט און זאָגט: וואַקס! קריך אַרויס! מכל שכן אַ מענש, ער האָט אודאי אַ מלאך, וואָס שלאָגט איהם און זאָגט: געה, געה, קריך אַרויס! און מכל שכן נאָך מעהר די פֿיינע מענשעלעך, שענע יודעלעך. — קיין נאַר כאַפּט זיך פֿריהער פֿון איטליכען נישט אַרויס מיט אַ וואָרט, ביי אונז, קיין שוטה ווערט נישט קיין בעל עצה, קיין עם־הארץ — א חסיד, קיין גראָבער יונג אַ משכיל, ביז וואַנען עס שלאָגט נישט איטליכען פֿון זיי זיין מלאך, נויטענדיג איהם דערצו. עס שלאָגען די מלאכים אויך אַלע מיני קבצנים אונזערע, זאָגענדיג: וואַקסט, קבצנים, אביונים, דלפֿנים, געבוירענע, אָבגעקומענע, אָפּענע, פֿערבאָרגענע, שפּראָצט, וואַקסט ווי גראָז, ווי קראָפּעווע! געהט, יודישע קינדער, געהט — איבער די הייזער! . . .

נאָר נישט דאָס אָבער בין איך אויסען, איך בין אויסען צו דערצעהלען דאָ אייך, רבותים, ווי איינער פֿון אונזערע

ברודער איז פֿערגאַנגען העט, העט אין די ווייטע מקומות אוז האָט דער מיט קונה שם געווען.

אַלע ענגלישע און דייטשע גאַזעטען זענען פֿאַר אַ יאָהרען פֿול געוועזען מיט דער וואונדערליכער נסיעה, וואָס בנימין, אַ פּוילישׂ יודעל, האָט געמאַכט אין די ארצות המזרח ערגיץ. „סטייטש, סטייטש, — האָבען זיי זיך געהדוש׳ט, — אַ יוד, אַ פּוילישער יוד, אָהן כלי זין, אָהן מאַשינעס, נאָר מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס און מיט אַ טלית און תפילין־זאַק אונטער׳ן אָרעם זאָל אָנשפּאַרען אין אַזעלכע ערטער, וואו גרויסע בערימטע ענגלישע רייזענדע האָבען אַהין נישט געקענט צוקומען! נישט אַנדערש אז דאָס איז געשעהן נישט מיט קיין מענשליכען כח, עפּעס נאָר מיט אַזאַ כח, וועלכען דער שכל קען כלל נישט משיג זיין, דאָס הייסט, דער שכל איז פּונקט נישט אַזוי בכח, אַזוי ווי דער דאָזיגער כח איז נישט בשכל. נאָר בכל האופנים, ווי די מעשה איז שוין דאָרט געווען, בנימין׳ן האָט די וועלט צו דאַנקען פֿאַר די הידושים, גרויסע זאַכען, וואָס זענען דורך איהם ענטפּלעקט געוואָרען און פֿון איצט וועט די מפּה אָדער די לאַנדקאַרטע בעקומען גאָר אַנ׳אַנדער פּנים. בנימין פֿערדינט מיט רעכט דעם מעדאַל, וואָס די געאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט אין לאָנדאָן האָט איהם געגעבען!...

די יודישע גאַזעטען האָבען די דאָזיגע רייד אויפֿגעכאַפּט מיט ביידע הענד און געהאַט דערמיט צו זינגען און צו זאָגען דעם גאַנצען פֿאַר אַ יאָהרדיגען זומער. אַזוי ווי איטליכען, וואָס לייענט די דאָזיגע גאַזעטען, איז בעקאַנט. זיי האָבען אויסגערעכנט אַלע הכמים. וואָס זענען ביי יודען געווען פֿון אדם הראשון אָן ביז אַצינד, בכדי צו בעווייזען, וואָס פֿאַר אַ קלוג פֿאָלק יודען זענען. האָבען אויך אויסגעשטעלט אַ צעטעל פֿון

די נוסעים (רייזענדע) אין אַלע צייטען פֿון בנימין דעם ערשטען' מיט אַ זיבענהונדערט יאָהר צוריק, און בנימין דעם צווייטען מיט דער גאַנצער חברה נוסעים, וואָס וואַנדערן היינט ביי אונז אַרום. און בכדי מפליג צו זיין די נסיעה פֿון אונזער איצטיגען בנימין, האָבען זיי, ווי דער שטייגער איז פֿון יודען, דערוויל פֿון יענע בלאָטע געמאַכט און געזאָגט, אַז די גאַנצע כנופיא היינטיגע נוסעים זענען טאַקי נאָר פּראָסטע שלעפּערס, וויסען נישט פֿון זייער חיות, די גאַנצע נסיעות זייערע, מ'שטיינס־געזאָגט, בע־שטעהט נאָר דרינען, אַרומצושלעפען זיך, ווי מקבלים, איבער די הייזער. זיי האָבען אַלע אַ פּנים ווי מאַלפעס אַקעגען איצטיגען בנימין, אַקעגען בנימין דעם דריטען דעם עכטען אמת'ן נוסע. זיי האָבען אויף איהם און אויף די ספרים, וואָס מען האָט געמאַכט פֿון זיין נסיעה, געזאָגט ווי געוועגליך דעם געוויסען פּסוק: לא בא כבושם הזה, דאָס טייטש: ס'איז נאָך אַזעלכע בשמים, אַזעלכע שמעקענדיגע געווירץ ביי יודען קיינמאָל נישט געווען, געבענשט און איינגעוויקעלט מיט דימענטען זאָל ווערען דער דאָזיגער, — האָבען זיי אַלע פּה אחד געזאָגט, — וועלכער עס וועט דעם טייערען אוצר פֿון בנימינ'ס נסיעה, וואָס געפֿינט זיך אין אַלע פֿרעמדע לשונות, איבערטראַגען אויך אין לשון הקודש, ניעכיי לאָזען יודען, נעבעך, אויך פֿערזוכען די פּאַטיקע, וואָס רינט פֿון יודישען בינשטאָק, און זאָל זיי דערפֿון ליכטיג ווערען אין די אויגען.

ואני מענדעלע, און איך מענדעלע, וואָס מיין כונה איז תמיד נוצען צו ברענגען אונזערע יודעלעך כפי מיין מעגליכקייט, האָב איך מיך נישט געקענט איינהאַלטען און געזאָגט: איידער די יודישע מחברים, וואָס זייער מינדסטער פֿינגער איז גרעבער פֿון מיינע לענדען, איידער זיי וועלען זיך אויסשלאָפען אַרוים־

געבען די ספרים פֿון בנימינ׳ס נסיעה אין לשון־קודש, וועל איך דערווייל מיך פּרווּען כאָטש א קיצור פֿון זיי ארויסגעבען אויף פּראָסט יודיש. איך האָב אנגעגירט מיינע לענדען ווי א גבור, און ווי אַלט און שלאָף אין בין, לא עליכם, האָב איך מיר פֿאָרט שטאַרקע מיה געגעבען ארויסצובעקומען פֿונ׳ם גרויסען אוצר אַזעלכע ענינים, וואָס טויגען פֿאַר די קינדער ישראל, און צו דערצעהלען זיי פּריי כפי מיין שטייגער. איך האָב עפּעס נעפּיהלט, ווי מען שלאָגט מיך פֿון אויבען מיט די ווערטער: הקיצר, מענדעלע, כאַפּ זיך אויף, מענדעלע, און קריך אַרויס פֿון אונטער אויווען! געה נעהם אָן פֿולע הויפּענס געווירץ פֿון בנימינ׳ס אוצר און מאַך דערפֿון פּאַטראַוועס צו דיינע ברידער אַזוי ווי זיי האָבען ליעב. איך בין מיט גאָטס הילף אַרויסגע־קראָכען און צוגעברייט די געשמאַקע שפּייז, וואָס איך שטעל איצט דאָ פֿאַר אייך אַנידער. עסט, רבותים, לאָז אייך וואויל בעקומען!

קאַפּיטעל 4

ווי בנימין מיט סענדערלען פֿערלאָזען טונעיאדעווקע

אויף מאָרגען גאַנץ פּריה, איידער דער פּאַסטוך האָט נאָך פֿערנומען די בהמות אין דער טשערדע אַריין, איז אונזער בנימין שוין געשטאַנען גרייט נעבען דער ווינטמיהל מיט א פּעקעל אונטער׳ן אָרעם. אינעווּעניג אין דעם פּעקיל איז געלעגען אַלע זאכען, וואָס זענען נייטיג געווען צו דער נסיעה, הייני: טלית און תפילין, א סדור דרך החיים, א „חיקיל" א תהלים

און יענע אַלע ספרים, אָהן וועלכע ער האָט זיך נישט געקענט ריהרען, אַזוי ווי אַ בעל־מלאכה אָהן זיין געצייג. די שבת׳דיגע קאַפּאָטע זיינע איז אויך דאָרט געלעגען, — מען מוז דאָך פאַר דער וועלט אַ פּנים האָבען און יוצא זיין פאַר לייט. אין קע־שענע האָט ער געהאַט אַ פּופצעהנטהאַלבען גראָשען, וואָס ער האָט פאַר׳ן אַוועקגאַנג אַרויסבעקומען ביי זיין פלונית׳טע אונטער דעם קישען.

הכלל, ער איז געווען, ברוך השם, פערזאָרגט מיט אַלסדינג און שוין געקענט זיך לאָזען אין וועג אַריין.

די זון איז דערווייל אויפגעגאַנגען זעהר שען און האָט אַראָבגעקוקט מיט איהר ליכטיגען פּנים אויף דער וועלט. איין קוק איהרער האָט צו געגעבען אַ שטיק געזונד, מהיה געווען איטליכע זאַך בעזונדער. ביימער און גראָז האָבען עפּעס ווי זיס געשמייכעלט איידער די גרויסע טרעהרען טוי פון ביי־נאַכט זענען זיי נאָך נישט אויסגעטריקענט, אַקוראַט ווי קליינע קינדער צולאַכען זיך פלוצלים פרעהליך אין מיטען געוויין פון אַ בליש־טשענדיגע צאַצקעלע, בשעת טרעהרען ווי די באָב שטעהן זיי נאָך אין די אויגען. די פעלד־פייגעלעך האָבען געשווינד זיך געטראָגען אין דער לופט, געשפּילט און געזונגען אַרום בנימין, גלייך ווי זיי וואָלטען געזאָגט:

„קומט, לאָמיר זינגען אי שאַלען און דער פרעהען דעם פיינעם פּארשוין נעבען דער ווינטמיהל. דער איז בנימין איין דאָס איז בנימין דער טוגעיאַדעווקער. דער אלכסנדר, מוקדון פון זיין צייט, וואָס ער פערלאָזט זיין פאָטערלאַנד, וואַרפט אַוועק וויב און קינדער און געהט אין שליחות, וואוהין די אויגען טראַגען! אָט שטעהט דער גרויסער בנימין, וואָס ער איז ווי די זון אַרויס פון זיין געצעלט און פרעהט זיך ווי אַ גבור צו־

לויפֿען אין וועג מיט זיין פּעקיל אין דער האַנד! ער איז שטאַרק ווי א לעמפּערט און גרינג ווי אַ אָדלער צו טוהן דעם רצון פֿון אונזער פֿאָטער אין הימעל! זינגט, שפּילט: טרילילילי, טרריל, טריל! שאַלט, זינגט און דערפֿרעהט זיין האַרץ! . . .

בנימינ'ן איז טאַקי באמת פֿרעהליך געווען אויפֿ'ן האַרץ, ער האָט ביי זיך געטראַכט: „איך בין דאָך דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט. וואָס פֿעהלט מיר אָהן עין־הרע? וואָס געהט מיך אָב? מיין ווייב האָב איך, געלויבט איז השם יתברך, פֿערזאָרגט. זי האָט אַ שטיקעל פרנסה. איך אַליין בין אַ פֿרייער פֿויגעל, גלייך ווי די אַלע פֿעלד־פֿייגעלעך דאָ, די גאַנצע וועלט איז פֿאַר מיר אָפֿען, מיט מיין געניטשאַפֿט, מיט מיין בעהאַרצ־קייט און מיט מיין שטיקעל ידיעה אין די שבע הכמות וועט אַזאַ יוד ווי איך נישט פֿערפֿאַלען ווערען, היינט דערביי בין איך דאָך עפּעס אַ יוד, אַ שטיקעל בעל בטחון, אַוועקגעלעגט שוין אַלע מעלות אין דער זייט, לעבען דאָך יודען אָבּ אַ וועלט מיט בטחון אַליין און גאָט פֿיהרט זיי אויס.

בנימינ'ן איז עפּעס זעהר גוט געווען אויפֿ'ן האַרץ אַזוי, אַז די לעפֿצען זיינע האָבען זיך געעפֿענט און ער האָט בנעימות'־דיג אויפ'ן ביי־קול אונטערגעזונגען אַ מאַרש פונ'ם מלך עליון. זיין מאַרש האָט זיך פֿערמישט מיט דעם געזאַנג פֿון די פֿייגע־לעך, מיט דעם זוושען פֿון די פֿליגען, מיט דעם שמוצערן פֿון די גרילען און האָבען אין אַ קאָנצערט זיך דערהויבען ביז צום כסא הכבוד פֿון זיין ליבען נאָמען הויך אויף דעם זיבעטען הימעל!

דערווייל איז אַוועק אַ היבשע צייט און סענדעריל איז נאָך נישטאָ. דאָס האָט אָנגעהויבען בנימינ'ן אַביסעל צו אַרען

און צושטערט זיין שמחה. ער האָט געקוקט אין אלע זייטען, זיך אַרויסגענומען די אויגען קוקענדיג, נאָר אומזיסט די מיה. מען הערט נישט, מען זעהט נישט, ניטאָ סענדעריל!

האָט איהם אפשר דען די רשע'טע זיינע מכבד געווען מיט עפּעס א מלאכה? נאָר דערצו איז נאָך אָבער איצט נישט די צייט. גאַנץ טונעיאַדעווקע שלאָפט נאָך אַצונד געשמאַק. קאַרטאָפלעס הייבט מען אָן צו שיילען העט שפּעטער, יודענעס נעמען זיך צום וואַרעמס ערשט נאָכ'ן אָבקריגען און אָבשעלטען זיך מיט די מאַנען, ערשט דערנאָך ווען מען שמייסט שוין אָב קינדער און מען הענקט ארויס טריקענען די בעבעכעס...

אונזער בנימין האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהון און איהם איז געוואָרען נישט פרעהליך, שטאַרק נישט פרעהליך. אומקעהרען זיך א היים? פּע, דאָס איז מיאוס! אלכסנדר מוקדון האָט צובראָכען די בריק, איבער וועלכער ער איז אַריבער קיין הינדיא, בכדי ער זאָל נישט קענען צוריקגעהן. לאָזען־זשע זיך אליין אָהן סענדערל'ן? ניין, דאָס איז פריקרע, זעהר פריקרע! סענדעריל איז איהם געווען שטאַרק נייטיג, זינט ער האָט מיט איהם זיך סקאָמפּאַניעט איז איהם עפּעס ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. אָהן סענדערל'ן זיך אַוועקצולאָזען וואָלט אויסגעקומען עפּעס משונה ווילד, עס וואָלט נאָר אַ פּנים געהאַט ווי אַ שיף אָהן א רודער אָדער ווי א מלוכה אָהן אַ מיניסטער.

פלוצלים האָט זיך געלאָזט זעהן פון דער ווייטענס עפּעס ווי אַ מענשענגעשטאַלט. דאַכט זיך סענדעריל און פאָרט נישט סענדעריל, דאַכט זיך נאָר איינע אין אַ ציצען קליידעל און מיט אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ.

בנימינ'ן האָט אַ טיאָכקע געגעבען דאָס האַרץ און איז געוואָרען טויט, בלייך ווי די וואַנד. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז

דאָס געהט זיין ווייב. ניין, זי געהט נישט, זי לויפט, זי יאָגט אָט קומט זי צולויפען, כאַפט זיך אויף איהם אַרויף מיט גרויס כעס, לאָזט צו איהם אויס איהר שווער ביטער האַרץ און שלעפט איהם א היים מיט אַ יאָמער, א קלאָג.

„איין גאָט נאָר ווייסט — אַזוי דערצעהלט בנימין אַליין — ווי איך בין דענסטמאָל געשטאַנען אין איינע צרות, אין נעהאַקטע וואונדען, הונדערט פּופערנאָטערען וואָלט מיר דענסטמאָל ליבער געווען צובעגעגנען ווי מיין ווייב; וואָרום אַ פּי־פּערנאָטער בייסט נאָר דאָס לייב, דעם גוף, און אַ ווייב בשעת כעס גריזעט און בייסט די נשמה. השם יתברך אָבער האָט מיך געשטאַרקט, איך בין באַלד טאַקי בעהאַרצט אַנטלויפען, זיך פּערבאָרגען הינטער דער ווינטמיהל און געלוגט דאָרט ווי אַ לייב לונט אויף זיין פּאַרצוקונג".

אין עטליכע מינוט ארום איז בנימין ארויסגעשפרונגען פּון זיין פּערבאָרגעניש מיט אַ שרעקליכען שפרונג און מיט אַ געשריי, ווי א ריינער משוגענער:

„האַ, סענדעריל!"

סענדעריל איז געגאַנגען אָנגעטהון אין אַ ציצען כאַלאַטעל, אונטערגעבונדען ביידע בייקען מיט אַ פּערשמאָלצענע טיכעל, אונטער ביידע אויגען בלוי, צוגראַבעלט, אַ שטעקען אין דער האַנד און אויף די פּלייצעס אַ היבש פּעקעל.

ער האָט אין בנימינ'ס אויגען געהאַט דענסטמאָל דעם זיבעטען חן ווי אַ שענע אויסגעפּוצטע כלה אין די אויגען פּונ'ם חתן.

בנימין שילדערט זיין שמחה דענסטמאָל מיט די ווערטער. „ווי א הינד וואָס געלוסט אויף קוואַלען וואַסער, ווי אַ דאָרשטיגער אין דער מדבר, וואָס געפינט לעבעדיגע, קווע־

לענדיגע וואַסער, וואָס רינט אַראָב אַ שפּיין סקאַלע, אַזוי האָט מיין גלוסטיגע לייב זיך געטהון טהון דערפרעהען אויף סענדערליך, פיין בעשעהרטען, מיין געטרייען געזעלען".

„וואָס איז די מעשה, סענדעריל? וואָס האָסטו געלאָזט אויף זיך אַזוי לאַנג וואַרטען?"

„סטייטש, איך בין דאָך געגאַנגען צו דיר אַ היים — האָט סענדעריל בתמימות געענטפערט — ביז וואַנען איך בין דער־גאַנגען און ביז וואַנען איך האָט אויפגעוועקט דיין זעלדען, איז דערווייל געווען אַ היבשע צייט".

„אויפגעוועקט זעלדען! — האָט בנימין אַ געשריי געגעבען משוגה־ווילד נישט מיט זיין קול — סענדעריל, למאי, משוגענער, האָסט די אַזוינס געטון?"

„וואָס סטייטש למאי?! — האָט סענדעריל פערוואונ־דערט זיך, אַנגערופען — למאי, אַז איך האָב דיר פריהער אַנגעקלאַפּט אין דער ס'פּיזשאַרנע און דו האָסט זיך ניט אַנגע־רופען, האָב איך מיך גענומען קלאַפּען אין דער שטוב־טיר פּטוק, סטוק, נו איז זעלדע, נישט טויט — נישט לעבעדיג, אויפגעשטאַנען, און איך האָב זי געפרעגט מכה דיר.

„סענדעריל, מיר זענען פאַרביי: דו האָסט פערקאָכט אַ גוטע קאַשע, סטייטש, זעלדע וועט נאָכלויפען, זעלדע, אין וועט..."

„אי, שרעק זיך נישט, בנימין! זי האָט מיך אָבגעשיקט צו אַלדע שוואַרצע יאָהר מיט אַזאַ כעס, גלייך ווי איך וואָלט איהר געקוילעט די קאַפּאָטע. „געה מיט מיינעם אינאיינעם, איך דער ערד אַריין בײדע"! האָט זי געזאָגט און צוגעמאַכט די טיר. איך בין אַ היבשע צייט געבליבען, שטעהן אין דרויסען ווי צומישט. דערנאָך ערשט האָב איך מיך דערמאַנט אָן דער ווינטמיהל און זיך געשטויסען, דוי מוזט שוין, אַ פנים, זיין דאָ,

און דעריבער טאקע האָט, א פּנים, דיינע גזוּאָגט: „געה מיט מיינעם אינאיינעם, אין דער ערד אריין ביידע!" זי האָט, א פּנים, מוז געדרונגען זיין, געזעהען, ווי דו ביסט אוועקגעגאַנגען.

„וואָס, וואָס, סענדעריל! זי האָט געזעהען? אפשר געהט זי, געהט זי אפשר?"

„חלילה, בנימין! זי האָט נאָר פֿערקייטעלט די טיר. אז איך האָב פאַר'ן אוועקגעהן ווידער אָנגעקלאפּט און געפֿרעגט: זעלדע, זעלדע, וואָס זאָגסטו עפּעס אָן צו דיין מאַן, זעלדע? אָדער האָסטו אפשר, אַ קשיא אויף א מעשה, וואָס איהם מיטצוגעבען, זעלדע? האָט זי נישט געענפערט קיין גוט וואָרט. אַ פּנים, זי האָט זעהר א האַרטען שלאָף, און שלאָפט געשמאק אָהן עין־הרע. נו האָב איך געזאָגט: זעלדע, דו שלאָפסט, שלאָף זשע, שלאָף געזונטערהייט! זיי מיר געזונד, זעלדע! האָב איך געזאָגט און בין מיר אוועקגעגאַנגען.

סענדעריל'ס לעצטע ווערטער האָבען אַזוי ווי טראָפּענס אָבגעמינטערט בנימינ'ן. ער האָט אָנגעהויבען פֿריי צו אָטעמען און געסאַפּעט גלייך ווי א שטיין איז איהם פֿונ'ם האַרץ אראָב. דאָס פּנים האָט איהם געשיינט און זיינע אויגען האָבען געפֿלאַקערט פֿאַר גרויס פֿרייד.

„אצינד, סענדעריל! — האָט ער עפּעס ווילד א קוויטש געגעבען, — אצינד מיט דער רעכטער פֿוס!"

אין דער צייט האָט פֿון אַ לוזשע אין דער זייט זיך ארויסגעלאָזט א קול פֿון זשאבעס, גלייך ווי זיי האָבען זיך גע־זעגענט מיט אונזערע פֿאַרשוינען און זיי צוגעקוואקעט א מאַרש. טועיאַדעווקער זשאבעס שרייען משונע שטארק אין זייערע פֿערשימעלטע בלאָטעס, זיי זענען בערימט אין דער וועלט גלייך מיט דניעפּראָוויצער וואנצען און טאַראקאנעס...

קאפיטעל 10

אורא, רויטע יודלעך!

„היי, וויאָ, וויאָ!" האָט אויף דער קעלניע פון א בויד הייזעריג געשריגען א שמייסער און איז שיער מיט'ן דישעל נישט ארויפגעפאָהרען אויף צוויי ווייבלעך. וואָס זענען געשטאַנען אין דערמיט גאַס, סאַמע די לעבעדיגסטע פון גלופסקער גאַסען, ביידע מיט טאָרבעלעך שפּייז: פלייש, רעטעכלעך, ציבעלע, קנאָבעל, אונטערן אָרעם, און האָבען איינע דער אַנדערער איינגערוימט סודות אי אויסגעגאָסען דאָס הארץ שרייענדיג אויף א קול'כעל, אז מען האָט איהם געקענט הערען ווייט פאַר א מייל.

די ווייבלעך זענען אין מיטען שמועס זיך צולויפען, איטליכע אין אַנ'אַנדער זייט גאַס, און זיך געשטעלט פון דערוויטענס צו ענדיגען זייער שמועס אריבערשרייענדיג מיט א ניגון איבער בוידען, דראָזשקעס, טעליגעס און פיהרלעך האָלץ, וואָס האָבען זיך געצויגען איינע הינטער דער אנדערער אין א גאַנץ לאַנגער שורה, אזוי אז א היבשע צייט איז ריין אוממעגליך געווען די גאַס איבערצוגעהן.

„חסיא־ביילע! נו וועסטו היינט ביי דער נאַכט קומען אהינצו — צו דער קאָרטענוואַרפערין? איך וועל דאָרט זיין מיט מיינעם . . . דיינער וועט אויך אהינצו קומען, ער האָט מיך געבעטען, איך זאָל דיר זאָגען, עס וועט דאָ זיין פרעהליך־קוס, נארעלע, וועסט, כ'לעבען, הנאה האָבען! נו, חסיא־ביילע, וועסטו קומען?"

„מיין בעל־הבית'טע, ברענגען זאָל זי וויל מיך היינט מכבד זיין מיט ראָשטשינען ברויט און איבעררייבען גרייפלעך. איך

וועל מיך אָבער אויסדרעהען און קומען. נאָר איך בעט דיך, דאָבריש, לאָז עס זיין בסוד, זאָג נישט קיינעם".

"ווארט נאָר, חסיא־ביילע, ווארט! דער רוח וועט דיין בעל־הבית'טע נישט נעמען, אז דער ווארמעס וועט שפּעטער מיט א שעה אַרויסקומען. זי וויל פרעסען? נו, זאָל זי עסען ווערעם, קרענק! איך האָט נאָר פערגעסען, חסיא־ביילע! זיפ נישט איבער אזוי די מעהל. די מעהלערקע איז ניט צופרידען פון דיינע קלייען. וויפיל איז דיר געבליבען היינט פונ'ם איינקויפען?"

"שיינעיק, שיינעיק! כאפּט איהם נאָר דעם שיינעיק! וואָס איז עס פאַר א מאָדע כאפּען? א פערכאפּט זאָל ער ווערען!"

"וואָס איז דאָרט, חאסיא־ביילע? וואָס שרייעסטו אַזוי?"

"א קאַרמאנשטשיק, דאָבריש! ער האָט ביי מיר שיער־שיער נישט ארויסגעשלעפּט דאָס טאָרבעלע שפּייז פון אונטער'ן אָרעם. א מערכה וואָס איך האָב בעצייטען מיך ארומגעקוקט".

"זעה נאָר, זעה, חסיא־ביילע! וואָס איז דאָרט אזא צונויפלויפעניש? עס מוז שוין ווייטער ערגיץ ברענען, ס'איז שוין היינט די צווייטע שרפה. ביז נאכט קען זיין נאָך עטליכע שרפות".

"מען הערט נישט קלינגען, דאָבריש, א שרפה וואָלט מען דאָך געקלונגען".

"שא, אָט געהט די מעקלערין. איך וועל זי א פרעג טון. סימע־דוואָסיע! סימע־דוואָסיע! וואָס לויפט מען דאָרט עפּעס אַזוי?"

"איך ווייס נישט, קיין צער! אפשר ווייסט נחמה־גיסע. נחמה־גיסע! וואָס איז דאָרט פאַר א רעדעל, סערדצע? אייערע קאַטשקעס שרייען עפּעס, אז מען הערט נישט וואָס מען רעדט.

האָדיל איז היינט נעלענען געוואָרען, זי וועט ביי אייך צ .מען די קאַטשקעס, היהנער האָט איהר אויך ? זעהר פעטע קאַטשקעס. אייער איז היינט נישט געווען זיך צו דערקויפען, וואָס איז דאָרט אזא מהומה ?"

„וויים איך ? עפעס רויטע יודלעך. עפעס האָב איך געהערט שרייענדיג : רויטע יודלעך"

„וואָס, עס זענען אָנגעקומען רויטע יודלעך ! אי־אי־אי ! מען מוז, דאָך געהן אָנקוקען אויף הידושים. — האָבען אלע מיט א מאָל א געשריי געטהון און זיך געלאָזט לויפען הענדום־פענדום צום רעדעל מענשען.

„אורא, פיפערנאָטער, לינדענוואָרם ! אורא, רויטע יודלעך !" האָבען צווישען דעם רעדעל מענשען געשריגען א גאנצע כאָפטע ווייסע־הברה.

די דאָזיגע רויטע יודלעך — דאָס זענען געווען אונ. ער פאַרשווינען בנימין מיט סענדערל'ן, וואָס אין א קורצער צייט נאָך יענער מעשה, וועלכע עס האָט מיט זיי זיך געטראָפען אויף דער קלאטקע, זענען זיי אָנגעקומען קיין גלופסק און האָבען דאָרט במשך פון א פאָר וואָכען שטאַרק קונה־שם געווען. עס האָבען זיך געפונען א סך עהרליכע יודען, וואָס האָבען פון זיי פשוט אָנגעקוואָלען, ממש אזוי ווי פון דעם שוסטער'ל, וואָס ער איז אין יענער צייט דורך זיינע מופתים אין גלופסק פלוצלים נתגלה געוואָרען.

טאָלצע און טריינע, צוויי געוויסע אלטע יודענעס, כשר'ע נשמות, וואָס פלעגען, ווי איטליכען איז בעקאַנט, אלע טאָג פאַרנאכט שבת'דיג זיך אנטהון מיט דער יופע אי מיט דעם שטערענטיכעל און ארויסגעהן אונטער דער שטאָדט בעגעגענען משיח'ן, — אָט זיי זענען דאָס געווען די גליקליכע אין איין

פארנאכט צו־בעגעגענען אויף יענער זייט ראגאטקע אונזערע פארשוינען ביים אנקומען זייערן פון טעטעריווקע און אין א גוטע שעה ארייגצופיהרען זיי אין גלופסק. באלד טאקע ביי דעם ערשטען בעגעגעניש האבען שוין דיביידע יופעס זיך דערוואוסט אלסדינג, וועמען גאט האט זיי דא בעשעהרט. טאלצע מיט טריינען האבען פערוואונדערט זיך אנגעקוקט, איינע די אנדערע זיך געשטארכעט: נו, טריינע? — נו טאלצע? האבען זיי זיך געשושקעט, דאס האריץ אבער האט אונז גלייך געזאגט, אז דאס זענען עפעס ניט גלאט קיין מענשען. טאלצע און טריינע האבען יי געשמאלצען אין אונזערע פארשוינען, זיי זענען עפעס ווי זונגער געווארען, עס האט זיי זיך געפרעהט דאס האריץ הערענ־דיג פון דער נסיעה. זיי האבען געקוקט אויף זייערע בעשעהרטע און זיך אליין געשטארכעט מיט א שמייכעלע: נו, טריינע? — נו, טאלצע?... טאלצע האט זיי אונטערגעארבייט זאקען, טריינע האט זיי פערלאטעט העמדער, צונעגעהט בענדלעך און זענען געווען גליקליך, איבערגליקליך, אקוראט ווי כלה־ווייז אמאל אין די יונגע יאהרען. הכלל, אונזערע פארשוינען האבען אי גלופסק אויף זיך געפונען מבינים. אזעלכע לייט ווי זיי קען טאקי נאר איין גלופסק שאצען און פערשטעהן זייער טייערן ווערט.

אהין אין גלופסק אריין, איהר יודישע קינדער! וואס וואלגערט איהר זיך, נפשות, שענע מענשען, און ווערט ווי בטלנים פערפאלען אין די קליינע שטעדלעך אונטער'ן אויוועז?! אין גלופסק אריין, צו אלדע שווארצע יאהר! דארט וועט איהר געפינען אייער גלייכען, דארט ווארטען אויף אייך אייערע טאלצעס, אייערע טריינעס און כשר'ע נשמות, דארט קענט איהר וואקסען, דארט קענט איהר אויסגעריבט ווערען, דארט

קענט איהר געפֿעלען, שטארק גילטען, אַ פּנים האָבען און ערשט לעבען! ...

אין גלופּסק, א רוח אין אייער טאטען אריין!

אָט ווי אַזוי אונזער בנימין שילדערט די שטאָדט גלופּסק:

אז איהר קומט אָן קיין גלופּסק דורך דער טעטעריוועקער גאַס, זאָלט איהר מוחל זיין איבערשפּרינגען דאָרט איין בלאָטע, ווייטער אביסעל די צווייטע, נאָך ווייטער אביסעל די דריטע, כּאמע די גרעסטע, וואָס אהינצו לויפֿען אריין, מחילה, רינשטעקלעך אי בעל-בתישע פּאָמייניצעס און ברענגען מיט זיך אָן פֿון כל טוב, איטליכען טאָג עפּעס אַנ׳אנדער מין סחורה, אנדערע סאָרטען חפצים פֿון אלערליי קאָלירען און פֿערשידענע מיני רוחות, ווי עס פּאסט צום ענין, און דורכדעם איז זעהר גרינג צוטרעפֿען דעם טאָג. גיסען זיך אהין, א שטיינער, געלע לוזשקעלעך פֿון זאַנד, מיט וועלכען מען וואַשט די פּאָלען, און טראָגען מיט זיך אָן לישקעס פֿון פֿיש, דרויב פֿיסלעך, קעפּלעך פֿון היהנער, אביסעל האָר מיט פֿערברענטע שטיקלעך קאפּיטעס, — זאָלט איהר האָבען א סימן: היינט איז פֿרייטאָג, נעמט א בעזעם מיט א ראַשקע און לויפֿט, זייט מוחל, אין מרחץ אריין. טראָגען זיך אהינצו אָן שאָלעכץ פֿון אייער, פֿון ציבעלעס, פֿון רעטיך, סוכעזשילעס פֿון לעבער מיט עקען פֿון הערינג און גרויסע אויסגעהוילטע מארכביינער, — אהא, גוט שבת אייך, יודישע קינדער! זאָל אייך וואויל בעקומען נאָכ׳ן קוגעל. זעהט איהר אָבער די רינשטעקלעך קוים-קוים וואָס זיי ריהרען זיך, עס שלעפּען זיך דאָרט פֿערברענטע שטיקלעך קאשע, פֿערדארטע שטיקלעך טייג, א צעריסענע שמאטע מיט א צופּאלענעם וויכעטש, איז א סימן: דאָס איז היינט זונטאָג. דער וואסערפֿיהרער האָט נישט געבראכט קיין וואסער, קוים וואָס מען האָט

אויסגעזיגען אביסעל פֿון דער פֿאס אויף אוים צו־וואשען ווי־ס׳איז כאַטש די טשאָלענטעפּ מיט די מאקעטערס. און אזוי אין אלע איבעריגע טעג פֿון דער וואָך האָט איטליכע לווּשע איהר בעזונדער פנים, איהר בעזונדער געשטאלט מיט איהר בעזונדער ריח.

און אז איהר זייט בשלום איבערגעקומען אי די דאָזיגע בלאָטע אויך, וועט איהר, רבותים, געהן פֿארביי א היבשען בערגעל מיסט. דאָס איז א איבערגעבליבען זכר פֿון א אבגע־ברענט הייזעל, וואָס אויבען שטעהט געוועהנטליך א בהמה, גלייך ווי א קעלבינגער מגיד, איז גאנץ רוהיג זיך מעלה גרה, מאכט מיט דעם מויל און קוקט תמ׳עוואטע אויף דעם גאנצען עולם יודען, וואָס לויפען אונטען ווי די פֿער׳סמ׳טע מיט אלערהאנד שטעקענעס, שטעקלעך אי פֿאראסאָלען. טהוט דערביי אמאָל א סאפּע, אָדער א קיהישען זיפֿץ, טאקי נאָר גלייך ווי זי וואָלט געזיפֿצט און געקרעכצט, מ׳שטיינס־געזאָגט, אויף דעם דאָזיגען עולם, אויך אויף איהר שלימ־מזל, וואָס זי איז, נעבעך, אריינגעפֿאלען אין יודישע הענד... איבערקומענדיג אי דעם בערגעל, וועט איהר געהן גלייך, גלייך, אליץ גלייך. אפשר וועט איהר, לא יעלה ולא יבוא, זיך א זעץ געבען אין די שפּיצעכ־דיגע שטיינער פֿונ׳ם ברום, וואָס ליגען צווייעט, צושפּרייעט משונה־ווילד, און־חס ושלום־פֿאלען, זאָלט איהר מוחל זיין אויפֿשטעהן, אויב איהר וועט קענען, און אליץ טאקי געהן, געהן, באם איהר האָט נאָר נישט אויסגעבראָכען קיין פֿוס, חלילה, ביז איהר קומען אויף עפּעס א מין פלאץ. דאָרט אויף דעם פלאץ וועט איהר נעפֿינען דעם תמצית פֿון גלופּסק.

און ווען ס׳איז נאָר א סברא טעטעריוקער גאָס אָנצורופֿען דעם מאָגען פֿון גלופּסק, קען מען נאָכדעם שוין מיט רעכט

זאָגען, אז דער דאָזיגער פּלאַץ איז איהר ה א ר ץ, וואָס דאָרט קלאפּט זיך תמיד טאָג אי נאכט און וואָס דאָרט איז איהר היות, דאָס גאַנצע לעבען. דאָרט שטעהען קלייטען, קלייטעלעך שאפּקעס און די בעקאַנטע גנבה־שאפּקעלעך, וואו בעלי־מלאכות זעצען דאָרט אָב דעם יתיר: שטיקלעך מאטעריע, טאסמעס, בענדלעך, סאמעט און שטיקלעך פעלין. דאָרט רודעוועט זיך זעהר שטאַרק, עס שוויבעלט און גריבעלט, א געדיכטער עולם אהן עין הרע: יודען שטופּען זיך און כאפּען, נעבעך, פון איטליכער זייט דישלעס פון וואגענס און פּארקעס. דאָקטוירים זאָגען, באשר אז מען פּאלמעסט א גלופּסקער יודען, געפינט מען דאָס רוב ביי איהם אין לייב שטעקט א דישעל. נאָר אויף גלופּסקער דאָקטוירים קען מען זיך נאָך נישט סומך זיין, די רופאים שפּילען דאָרט א סך א גרעסערע ראָליע. דאָרט הערט מען תמיד א קול: הייסע באבקעס, יודעלעך! אהער, הייסע רעטשאניקעס, קנאָבעל, ציבעלעס, יודישע קינדער! פון אָבגעריי־סענע יונגלעך, וואָס געהען ארום און שרייען מיט עפּעס א משונה ניגון. דאָרט כאַפּט מען א מאָל פּארנאכט א דאווען, מען איז מחדש גאניץ הויך די לבנה און מען שרייעט דערביי צו איטליכען, וואָס געהט נאָר פּערביי: שלום עליכם, פּעטער! דאָרט שטעהען טרענערס ארומגעגארטעלט מיט גראָבע שטריק' אויסגעדינטע סאָלדאטען מיט אלטע כאלאוועס און אויסגע ריבענע שינעלען, טאנדעטניקעס מיט אלטע תחתונים, קאַפּטענס, לייבלעך און נאָך אלערליי שמאטעס. אין מיטען שטעהט דער פּאני סטאָראָזש און עסט געשמאק א שטיק יודישען קוילעטש, וואָס ער בעקומט שבת פאר די ליכט אָבשנייצען, און היט זיך' להבדיל, ווי א ישמירה'ניק, בישעת ער גיט א בים, עס זאָל' חלילה, קיין ברעקעל נישט אראָבפּאלען. קעשענע־גנבים דרעהען

זיך דאָרט ארום צו מאכען די קוניץ, עפּעס א פערשמירט מיידעל מיט צושויבערטע, צופּאטעלטע האָר שפּרינגט פלוצלים פון דער העלער הויט ארויס, רעוועט, גיט א נדבה אויף א צוריפּעטען קול, כאפּט אָן פאר דער פּאָלע און שרייעט, האָרכעלט וויינענדיג, גלייך ווי איהר וואָלט זי געקוילעט און צוגענומען ביי איהר געלט. א פּעקעל ווייסע־חברה לויפט דאָרט מיט א אורא נאָך עפּעס א משוגענעם, וואָס זינגט טרויערדיגע לידלעך, האַלב יודיש, האַלב פּויליש, און טראָגט אויפ'ן קאָפּ א צוקנייטשט קאפּעלישעל. דאָרט שטעהט א בחור מיט עפּעס א מין קעסטעלע, יודען קוקען אהינצו אין לאָך און רעדט דערביי מיט פּיסקעס זיין געוועהנטליכען פּזמון: דאָס איז לאָנדאָן, דער פּייפּס פאָהרט דאָ רייטענדיג אין רויטע הויזען און אלע שטעהען פאר איהם אָהן א היטעל! איצט זעהט איהר, ווי נאפּאָלעאָן מיט זיינע פראנצויזלעך שלאָגען זיך מיט דעם פּריים און די פּרייסען צולויפען זיך ווי די טאראקאנעס! אָט אַצונד קומט פיר, ווי איינע פאָהרט אין איינעם מיט דעם תוגר אין איין קאַרעטע, דער גראָספּעציר האַלט די בייטש און טרייבט אָן, די פערד האָבען זיך איבערגעשראָקען, אויסגעקעהרט די קארעטע, דער תוגר, נעבעך, איז געפאלען, זיך א גוטען זעץ געטהון, און זי זיכט אין איילעניש ווי זיך אויסצודרעהען! נו א סוף, נענוג שוין צוקוקען פאר א האַרטען גראָשען. דאָרט זיצען שורות־וויז אויסגעזעצט יודענעס מיט מולטערס, פול אָנגעלעגט מיט בינדלעך קנאָבעל, מיט אוגערקעס, קארשען, אגרעסען, ווייַמפּערלעך, ארץ־ישראל־עפּעלעך, כל־נדרי־בארלעך און מיט נאָך אנדערע זאכען. אין דער זייט שטעהט אויף הינערישע פיסלעך א אלטע איינגעהויקערטע בודקע, אָהן טיר און פענסטער, וואָס כפי אַלטע גרייז־גרויע יודען דערצעהלען, איז אמאָל דאָרט

געשטאנען א בודאָטשניק און די גאנצע שטאָדט איז דענסט־מאָל נעלויפען אנקוקען די בודקע מיט דעם סאָלדאט אויף חידושים. נעבען דער אלטער בודקע, מיט וועלכער גאנץ גלופסק איז זיך מיחס ווי מיט עפעס א אלטען קרעפּאָסט, דאָרט אונטער עפּעס א מין דעכיל בעדעקט מיט עטליכע פערשימעלטע ברעטלעך, מיט איבערגעפוילטע שטרוי און ראָגאזשעס, אָנגע־שפּארט אויף פיער קרומע אויסגעבויגענע סלופעס, זיצט דוואָסיע די סעדעכע, ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט מולטערס. ביי איהר געפינט זיך תמיד איהר גרויסער פייער־טאָפּ, וואָס ווינטער זיצט זי אויף איהם, ווי א קוואָטשקע אויף די אייער, דעם גאנצען טאָג בסדר, נאָר וואָס זי כאפּט איהם אַבאָ פון אונטער איהר אַרויס אונטערצובלאָזען די קוילען און אַרו זצו־נעמען פונ׳ם אש געבראָטענע קארטאָפּלעס.

פון יענע יודען, אזוי געהט ארום צווישען עולם א גאנץ אלטע אגדתא, פון יענע יודען, וואָס שלמה המלך האָט געשיקט אויף שיפען קיין אופיר נאָך גאָלד און אנדערע מיני אויסלענ־דישע סחורות, זענען א סך, מחמת כמה טעמים, איבערגעבליבען דאָרט. זיי האָבען מיט דער צייט נעעפענט אין אינדיען זעהר טייערע קלייטען אי גרויסע קאנטאָרען, האָבען געהויבען ביי די דאָרטיגע דייטשען שטארקע הקפות און אלערליי קאָמיסיעס און דאָס מזל האָט זיי א לאנגע צייט שטארק געדיענט. דערנאָך אָבער האָט זיך איבערגעדרעהט דאָס רעדיל און אונזערע סוחרים האָבען זיך געשטעלט און געמוזט עוקר זיין: א טייל פון זיי זענען פערפאלען געוואָרען אין דער מדבר, א טייל זענען בשלום אריבער די גרעניץ, האָבען זיך געזעצט אין אקרענטען און געזעגעלט אויף דער פּיאטייגילעווקע, וואָס איז אין יענער צייט אריינגעפאלען גלייך אין ים אריין, אזוי האָבען זיי געזעגעלט,

געזונגעלט ביז פלוצלים איז אויפגעשטאנען א שרעקליכער שטורם־ווינד, די כוואליעס האבען זיך אויפגעהויבען ביז דעם הימעל, האבען צושלאגען די אקרענטען און ארויפגעווארפען די מענשען אויפ'ן ברעג. דארט האבען זיי אויסגעבויעט א שטאדט און זי א נאמען געגעבען גלופסק.

די חוקרי קדמוניות, וואס קענען מיט זייער גרויס חכמה מאכען פון א נאר נישט א מושקאטקויל, האבען פון דער דאזיגער אגדתא געמאכט א גאנצען פירוש און אויסגעדרונגען מיט טויזענדער שארפע שפיצלעך, ווי זייער שטייגער איז, אז דריגען ליגט א שטיק אמת. די ראיות, וואס זיי ברענגען דערויף, זענען: ערשטענס, דער פאסאן פון די הייזער, וואס איז עפעס משונה־ווילד, גאר אויך דעם אלטען שניט, ווי מיט טויזענדער יאהר צוריק, אז מענשען זענען נאך געזעסען אין די געצעלטען און זיך געוואלגערט אין לעכער. פיעל הייזער זענען דא אין גלופסק, וואס זעהען באמת אויס נאר ווי לעכער און א סך האבען א פנים ווי די געצעלטען פונ'ם טאטער; פון זייער אנבליק און פון זייער שטעהן זעהט אויס, ווי זיי, זענען איינער מיט דעם אנדערען עפעס נישט שוה בשוה. דו שטעהסט אריינגערוקט, וויל איך מיר שטעהן, דיר אויך צו להכעיס, ארויסגערוקט; דו שטעהסט פאפערעק, איך וויל מיר שטעהן קאפויר; דו ווילסט אין דרויסען א טרעפעל און איך דוקא א לייטערעל, ווער עס בעדארף, וועט נישט קראנק זיין קלעטערן. און אז דו האסט שוין יא עפעס משונה הויך פארריסען דיין פערלאטעט דעכעל, נו האלט איך מיר מיין דעכעל דוקא אראבגערוקט. נעשמאיע דיר פארפול! וועמען עס געפעלט נישט, לאז זיך צומאכען די אויגען . . . קורץ, דאס אלסדינג איז מרמז אויף אלטע, גאנץ אלטע צייטען. — צווייטענסט די

מנהגים פֿון די איינוואוינער. צווישען זיי זעהט מען נאָך עד היום אזעלכע מנהגים, וואָס קומען ארויס פֿון די היידען, צווישען וועלכע זיי האָבען אין פֿריהערדיגע צייטען זיך אויפֿגעהאלטען. דער כתב און הכמת החשבון איז דאָרט נישט שכיח, אז אלע עניני הקהלה און אלע חברות דאָרט ווערען געפֿיהרט אָהן ביכער און די פֿיהרער גיבען קיינעם נישט אָב קיין חשבון. — דריטענס, די כתות, די מענשען טיילען זיך דאָ אויך אין פֿערשידענע כתות, ווי אמאָל ביי די אינדיאנער: ווי א שטייגער די כתה כאפלאפער, סאמע דער צימעס, וואָס געוועלטיגען ביד רמה; די כתה בלאטהאלטער, זאשטשיטניקעס, וואָס האלטען שטאָל און אייזען, קריגען און שלאָגען זיך פֿאר די כאפלאפער מיט דעם שונא און נעמען דערפֿאר ביי זיי געוויסע זשאלאָוואַניעס און אומזיסט פֿלייש. די כתה וחלקלקער, ארויפֿפֿיהרער אויף א גליטש און וואָס אליין דרעהען זיי זיך אויס גלאט ווי אויף א טעלער. די דאָזיגע לייט צופֿאלען אויף קוממיות־זאָגער וועלטליכע מענשען, וואָס האָבען צוזאָגען אין עניני המסחר און אויף צבועקאנער, כלי־קודש, וואָס האָבען צוזאָגען אין עניני האמונה; די כתה גלופּאָטרוסאָ־בעזיאַזיקאָ־קאַבצאַנער, דער פּראָסטער אָרעמער עולם, וואָס איז שטאַרק נכנע די אלע איבעריגע כתות און בעקומט פֿאַר זיי דאָס נייניעהריגע קרחת. — היינט, פֿערטענס, די מטבע, וואָס מען האָט אמאָל בשעת גראָבענדיג די גרעבליע, דאָרט געפֿונען. פֿון איין זייט איז זי געווען שטארק אָבגעריסען, קוים־קוים וואָס מען האָט ארויסגעזעהן עפּעס ווי א שטיקעל פֿארטוך צוגעטשעפּעט צו א שטעקען, אונטען עפּעס עהנליך אויף א מולטעריל, פֿון וואַנען עס האָבען ארויסגעשטעקט שטיקלעך קעפּ. פֿון דער אנדערער זייט איז די מטבע געווען כמעט גלאט. נאָר אז מען האָט זיך גוט צוגעקוקט, האָט מען

דערקענט אלטמאָדישע כתיבה'טע אותיות׳ יאשלג וענפ. די געלעהרענטע האָבען אויף דער דאָזיגער אויפשריפט זיך געבראָכען די קעפ און אריינגעלעגט דרינען פשטים, איטליכער אויף זיין גאנג. א טייל האָבען געהאלטען אין דער סברא, אז די און די ג׳ ביים אנהייב און סוף וואָרט יאשלג זענען גאָר נישט קיין אותיות, נאָר שטיקלעך פון טשאטשקעלעך, וואָס זענען פון דער צייט אָבגעריבען געוואָרען, בכן מאַכט עס אשל א בוים וענפ און א צווייג און דאָס איז דער שטעקען מיט דעם פארטוך. ווידער א טייל האָבען עס דערקלעהרט גאָר אנדערש און די געלעהרענטע האָבען דערמיט מרעיש עולם געווען, ביז דערנאָך איז געקומען איינער מיט אָפענע אויגען, און האָט דרינען דערזעהן נאָר ראשי תיבות, וואָס זיי מאכען יהודי אופיר (אָדער אינדיאָה) שבאו לכאן (אָדער לק״ק) גלופסק ונתישבו על נהר פיאטיגנילעווקע. דער שטעקען מיט דעם פארטוך און מולטעריל מיט די קעפ, דאָס בעטייט א אָקרענט מיט'ן זעגעל און מיט פארשוינען. דער דאָזיגער געלעהרנטער האָט איבער דעם געמאכט זעהר א דיקען ספר און ווענדעט זיך דאָרט צום עולם מיט א בקשה, אז מען זאָל רייניגען דעם טייך, וועט מען דאָרט זיכער געפינען א סך אלטע זאַכען, וואָס וואָלטען געעפענט די אויגען אין דער חקירה מכח גלופסקער יודען. נאָר די דאָרטיגע איינוואוינער שייען זיך אָבער אויסצורייניגען די בלאָטע און זאָגען, דאָס וואָס מען האָט פון אלטע צייטען אָנגעמאכט, דאָס מוז בלייבען, קיין מענשענס אויג טאָר אין דעם פערבאָרגעניש נישט אריינקוקען...

אין דער שטאָדט אליין געפינען זיך אקעגען א דרייסיגפערציג לוזשעס, שוין מיט לעוואַדעס אינאיינעם. זיי פעראייניגען זיך דורך היילען מיט די אָבגרונטען פון דער פיאטיגנילעווקע

און אין געוויסע צייטען, בפרט נאָך פֿאַר א פֿאַר־פּסח, צו שפּילען זיי זיך שרעקליך שטאַרק און פֿערפֿלייצען די גאַסען מיט אזא טיפֿער, שיטערער בלאָטע, אז ביי די הויך געוואַקסענע מענשען אפילו ווערט געהענדיג פֿערשלומפּערט דאָס היטעל. גלופּפּק ווערט אין די פֿינסטערע נעכט בעלייכט פֿון איין קליינער לאַמ־טערנע, זי ווערט אויך בעוואַכט פֿון א פּאָר בודאָטשניקעס. פֿונדעסטוועגען פֿאַלט מען דאָרטען פֿאָרט ביי דער נאַכט און מען ברעכט האַלז אי לייב. און גנבות טרעפֿען זיך דאָרט אויך זעהר אָפֿט, כאָטש ס'איז דאָ אזא שמירה. דערפֿון איז טאַקי געדרונגען, אז מען קען זיך כלל נישט איינהיטען, מען קען זיך נישט בעוואָהרענען, וואָס ס'איז בעשעהרט דאָס איז בעוועהרט, עס העלפֿען נאָר נישט דעם מענשענס חכמות מיט זיינע אַלע תחבולות. דרום, זאָגט בנימין, בעדאַרפֿען מיר צומאַכען די אויגען און געהן תמיד אויף גאָטס בעראַט מיט דעם בטחון, מסתמא וועט ער זיינע מלאכים געבי־טען אונז צו היטען און אויף די הענד אונז צו טראָגען, עס פֿאַלט נישט דער שפּאַן ביז ס'איז עפּעס דראַן. בעדאַרף מען מעהר, זאָגט ער, ווי איך האָב בעוואָהרענט מיין טלית־און־תפֿילין־זאַק, איך האָב איהם אנידערגעלעגט אין בית־המדרש אויף דער פּאָלעצע. וואָס קען שוין, דאַכט זיך, זיין מעהר א זיכערער אָרט ווי דאָ ? פֿונדעסטוועגען, אז גאָט האָט נישט געוואָלט אפּהיטען, האָט מען איהם אינאיינעם מיט די איבעריגע אונזערע זאַכען פֿון דאַנען אויך אַוועקגעגנב'ט !

קאפיטעל 14

אוים כלה — ווייטער מויד

אין דער וואָיענער קאַנצעלאַריע זענען שפּעטער מיט עטליכע טעג, נאָך דער מעשה מיט אונזערע פאַרשווינען, געזעסען א סך אָפיצירען אין דער פאָלנער פאָרמע. צווישען זיי דער גענעראל מיט דעם פּאָלקאָווניק, אין דער זייט נעבען דער טיר זענען געשטאַנען צוויי זעלנער מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און האָבען אויסגעזעהן ווי א מויז, וואָס מען נעמט ארויס פון א לאַדעשקע זויער־מילך. די אָפיצירען האָבען געקוקט אויף די זעלנער. זיי בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, דערנאָך צווישען זיך עפּעס גערעדט און אַביסעל אונטערגעשמייכעלט.

„הערסטו, סענדעריל — האָט איין זעלנער שטילערהייט געזאָגט בשעת די אָפיצירען האָבען צווישען זיך געשמועסט, — איך זאָל וויסען מיין טויט זאָל דאָ אפילו זיין מוז איך זיי ארויסזאָגען דעם גאנצען אמת, אין בין שטארק אָנגעלאָדען".

„פון מיינעטוועגען, בנימין, זאָג די זיי דעם אמת, — האָט דער אַנדערער זעלנער זיך אָנגערופען, — אויב דו ווילסט אַזוי, זאָל זיין אַזוי, וואָס פאַר א דאגה איך האָב".

„איהר זייט עס די לייט, וואָס האָבען שפּעט ביי דער נאַכט זיך אַרויסגעגנב'ט פון דער קאַזאַרמע? — האָט דער גענעראל געפרעגט סטראָגע. — איהר ווייסט, וואָס קומט פאַר אַזא שולד?"

„אָ־ווא, אָ־ווא!" איז בנימין אויף גאָטס בעראטה אַרויס מיט אַ שפּראַכע, האלב יודיש, פאָלעווינע רוסיש, און אַנידער־געלעגט אַ שמיעסעל, אַז חייקיל זאאיקע, דער בעל־דברן פון

טונעיאדעווקע, האָט געמענט, כ'לעבען, זיך בעגראָבען נײַן איילען אין דער ערד.

דער גענעראַל האָט אַוועקגעקערט דעם קאָפּ מיט א געלעכטער א מאַך געגעבען מיט דער האַנד און דער פּאָל־קאָווניק האָט אָנשטאָט איהם אָנגעהויבען צו רעדען.

„איהר האָט זיך שטאַרק פאַרזינדיגט, אייך קומט מיאוס צו בעשטראָפען פאַר אזאַ שולד".

„וואַשע בלאַגאָראָדיע! — האָט בנימין אויסגעשאָסען אויף אַ קול, — כאַפּען מענשען אין מיטען העלען טאָג און פאַרקויפען זיי ווי הינער אויפ'ן מארק — דאָס מעג מען, און אַז זיי, נעבעך, ווילען ניצל ווערען, דאָס רופט מען אָן א שולד! אויב אַזוי, איז דאָך טאַקע הפקר אַ וועלט, און איך פאַרשטעה שוין, אסור, נישט, וואָס הייסט אַזוינס מעגען און נישט מעגען! אדרבה לאָמיר פרעגען דאָ טאַקע מענשען, זאָלען זיי זאָגען, ווער איז שולדיג, א שטייגער, ווי וואָלט געווען, אז מען זאָל אייך כאַפּען ערגיץ אויפ'ן וועג און מיט געוואַלד אַרײַנשטופּען אין זאַק אַרײַן, נו וואָלט איהר, חלילה, שולדיג געווען, ווען איהר וואָלט מיט א מצות־כח פונ'ם זאַק אַרויס? איך זאָג אייך בפירוש, דאָס איז געווען לכתחלה א געניטע זאַך, אַ גענארעריי, שולדיג זענען נאָר די יודען, מי יודע וואָס זיי האָבען נאָך אָנגערעדט. מיר זענען אייך מוסר מודעה — זאָג, סענדעריל, זאָג! וואָס שטעהסטו ווי אַ גולם? געה אַרויס מיט דעם אמת אויף גאָטס בעראַטה, נאָר אָהן מורא און זאָג מיט מיר אינאיינעם: מיר זענען אייך מוסר־מודעה, אַז פון טכסיסי מלחמה האָבען נישט געוואוסט, מיר ווייסען נישט און מיר ווילען נישט ווּיסען, מיר זענען, ברוך השם, בעווייבטע, האָבען אין זינען עפּעס גאָר אַנדערש און מיט אזעלכע זאַכענישען קענען מיר לחלוטין זיך

נישט אָבגעבען. זיי געהען אונז אפילו גאָר אין קאָפּ נישט. היינט מילא וואָס טויגען מיר אייך ? מיר דאַכט זיך, אַז איהר בעדאַרפט אַליין וועלען אונזערער פטור צו ווערען.

און באמת איז בנימין טאַקע זעהר, גערעכט געוועהן, מען איז נאָך לאַנג טאַקע גערן געוועזן, זייערער פטור צו ווערען. אַז די עלטסטע האָבען זיך געוועזן צוגעקוקט צו אונזערע פאַרשוינען, צו זייער הילוך, צו זייערע פאַסטעמקעס, צו זייער שמועס און צו זייערע מאַרשען, האָבען זיי שוין זיך אָנגעשטויסען, מיט וועלכער נפשות זיי האָבען צו טהון, און פלעגען נישט איינמאָל זיך האַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג. דער כיון פון דער איצטיגער סאָבראַניע אָפיצירען איז געוועזן צו נעמען אונזערע פאַרשוינען אויפ׳ן פאַרהער און פריווען זעהן, מיט וועמען זיי האָבען א עסק. בנימין מיט סענדערל׳ן האָבען דאָ זיך פאַרהערט און ברוך השם, שטאַרק אויסגענומען, נאָך מעהר ווי געוואונשען, אַזוי אַז די אַלע אָפיצירען האָבען עפעס משונה הנאה געהאַט פאַר געלעכטער.

„נו, דאָקטאָר ?" האָט דער גענעראַל געמאַכט צו א אָפיציר וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזט אין א שמועס און מיט אונזערע פאַרשוינען זיך שטאַרק אָבגעגעבען.

דער דאָקטאָר האָט אַניעדערגעלעגט א פינגער אויפ׳ן שטערען און געמאַכט שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט געזאָגט — דאָ פעהלט א קלעפקע !

דער שפּיץ איז געוועזן, נאָכדעם אַז די אָפיצירען האָבען צווישען זיך גערעדט און עפּעס געשריבען, האָט מען געהייסען אָבלאָזען אונזערע פאַרשוינען פריי פונ׳ם דינסט.

„געהט אייך, — האָט מען צו זי געזאָגט, — געהט אייך געזונטערהייט!"

בנימין האָט זיך זעהר שען געזעגענט מיט א פּאַרבייג און זיך געלאָזט אַוועקגעהן.

סענדעריל האָט ווי אַ זעלנער געהויבען פיסלעך און געגאַנגען נאָך איהם מיט אַ מאַרש.

אינהאַלט:

הקדמה פון משה גראָס	— — — —	III—XVI
דאָס קליינע מענשעלע	— — — — — —	זייט 1
שלמה ר׳ חיים׳ס	— — — — — — — —	„ 25
דאָס ווינש־פינגערל	— — — — — — —	„ 51
פישקע דער קרומער	— — — — — —	„ 57
מסעות בנימין השלישי	— — — — — —	„ 66

אלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים

זענען ארום 1910, צו דער צייט פון זיין 75 יעהריגען יובילעום, ארויס אין פארלאג „מענדעלע" וועלכער איז פון לידסקי און שרעברעק געגרינדעט געוואָרען.

זיי נעמען ארום 17 גרויסע בענד, דאפון איז איין באנד געווידמעט בלויז דער קריטיק וועגען מענדעלע.